STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09064

DI IDISHE KORBONES

B. Gorin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

— דיא —

Yiddishe Korbones

אידישע קרבנות

אדער

דיא האידאמאקעס

נאך ד. מארדאווצעוו.

von

B. Gorin

— פון —

ב. גארין.

פרייז 15 סענט.

היברו פאבלישינג קאמפאני,
83-85-87 קאנאל סטריט, נויארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909

פאררעדע.

דיא געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק איז געשריבען מיט בלוטיגע אותיות און דיא ערצעהלונג וואס איך גיב איצט פאר דאס אידיש־לעזענדע פובליקום, האָט אויך צו טהאָן מיט א בלוטיגע בלעטעל פון דער געשיכטע, א בלעטיל, וואס איז געשריבען געוואָרען אין ערך נאך גאר ניט לאנג, מיט א יאָהר הונדערט דרייסיג צוריק.

דיזעס בלעטיל איזט בעוואוסט אונטער אידען אונטער דעם נאָמען: „גזרות תק״כח״ אָדער „היידאמאקעס״. דיא גרעסטע גזרה פון יענער צייט איז געווע[ן] אין אומאן, און איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „דיא אומאַנער הריגה״. דיא האנדלונגען פון דער ערצעהלונג קומען פאָר אין אומאן.

און כדי מען זאָל מיך ניט חושד זיין, אז איך האָב ארויפגעלעגט צו געדיכ־טע פארבען, אויף דיא ערצעהלונג, גיב איך דאָ איבער דיא קינה וואס איז געמאכט אויף יענע גזרות. איך גיב איבער דיא קינה וויא זיא שטעהט און געהט אין ענדער קיין אות נים.

דיא קינה איז געשריבען געוואָרען נאך א דאָפּעלטען אלף־בית:

א קינה אויף דיא גזרות פון תק״כח.

ע״פ א״ב כפול.

אבינו שבשמים, ווי אזוי קענשטו דאש צו זייען.

אוקריינער אידען זאָל אזוינע גרוישע צרות גישיין.

בטל מעלנו, דיא גרוישע גזרה פון דיא היידעמאק׳ן

באלטער אידען האט דער רשע סילה געטאָן טריינקען, בראקין און האקין.

גזרות קשות אזעלכע ווי איז גיערט געוואָרען אין דער וועלט.

גאנטא האט אויך קליינע קינדער ממית גיווען און נאכדעם גענומען געלט.

דער רב האט זיך ווי רישקים וואסיר אין די גאסין גיגאָסין

דראזניר אידען האבען נאך מעריר פון באלטער גיגאָסין.

הרג רב האבען די היידאמאקין אין פיל שטעט געמאכט,
הומאניר און הייסיניר אידען האבין זיי ביז איינעם אומגעבראכט.
וגם און הויך קליינע קינדער האבין זיי גישטאכען און פערברענט.
וואביר האבין זיי גיבונדין און לעבעדיק דעם בויך גיטרענט.
זעם, א גרוישער צארין איז אויף זאבאטינער אידען אויסגעגאסען געווארען.
אילוניאק 1) האט זיי פריר בארויבט דערנאך אלע פערלוירען.
חרון, כאטשע א מאל איז הויך אזא גרוישער צארין גישיין
חמילס 2) גזרות האבער אקייגין איצטיקער זענין גאר נישט גיווין.
טפנו האבען די היידאמאקען גיקוילעט, זיך גיבאדין אין זייער בלוט
טולצינער גזרה אקעגין טיטיווער איז א גאר ניט.
יה, גאט ווי האסטו דאש ביי זיך גיקענט פוילין
יעדער איד זאל אליין זיין ווייב און קינדער קייל'ען. 3)
כלנו האבין זיך אין די שולען פארזאמילט און זיך אליין גיטייט
כלות זייערע חתנים וואבער זייערע מאנין האבין דערצו גינייט.
להרוג, האבין די היידאמאקין אין קוסאנקי און אין טיטיוב אנגיאויבען
לדיזינער און ליפוויצער אידען האבין זיי נאכדעם באגראבען.
נשים ענו די וואביר האבען זיי אומעטים צו זנות גינייט
נאכדעם געטרענט דעם בויך און לעבעדיגע קעץ פערנייט.
סרנו מיר האבען פון דיין גוטען ווע. גיקיירט, זיי אונז ניט מאשם
סעו עליר, סאווראניר אידען זיינען אלע אומגעבראכט גיוארין על קדוש השם.

---

1) אילוניאק מיינט מען זעלעזניאק.

2) באגדאן כמעלניצקי.

3) בעמערקונג: בק"ד טעטיאוב, ליפאוויטץ, ופאהראבישטש זיינען נהרג געווארען אלפים גדולים יהודים און אנדערע האבען ממיר דת געווען בעו"הר און האבען געמוזט זייער אייגען וואב און קינדערלאך קוילען פאר דיא פוחזים'ס אויגען. דאס איז דיא פרוב געווען, אז ער האט רעכט ממיר געווען און דער נאך האט מען דעם זעלביגען ממית געווען.

עַל גזרות ת״ח מאכט מען א תענית כ״ק סיון און מען טיט סלחות זאגען

עַל גזרות אוקריינה מעג מען וואכין מאכין תענותים סעדא מער צו קלאגען.

פְּלגי מים תרד עיני, בעכען טרערען טיען מיינע אויגען רינען

פְּאראהבישטשער אידען האבען דיא היידאמאקין דערטרינקען אין א ברינען.

צַדיק אתה, וואש דוא גאט, טוסט מיזן מיר אנעמען פאר ליב און רעכט

צְעקיניוּוער אידען האט מען גענומען בשבי און פערקויפט פאר קנעכט.

קְראנו לך בעת צרה, מיר האבין דיך גאט גירופין אונזער ענגשאפט פערנעם

קְראסנער, קאנסטוטינער און קאלישער אידען זיינען גיטייט גיווארין על קדוש השם

רִבונו של עולם, הער פון דער וועלט, ווי האשטי דאש ניקענט צו זייען.

רְאגראדער אידען האבין איינש דאש אנדערע גיקיילעט אליין. *)

שְׁמע צעקתנו, גאט, אונזער גישריי זאלסטי הערין און פערנעמין

שְׁארעגראדער דוכס בארניצקי בענש, ער האט זיך פאר אונז אנגינומען

תָּבא לפניך כל רעתם, דאש שלעכץ פון די היידאמאקען זאל סימען פאר׳ן הער פון דער וועלט

תָּושע, און העלפען זאלסטו אלע וואש האבין זיך פאר אונז געשטעלט.

אמן.

נעווים האט דער בעל מקובל איבערטריבען, ווען ער זאגט, אז „חמילים נזרות זיינען אנטגעגען איצטיגע גאר נישט״; עס קען מעגליך זיין אז דער בעל קינה האט אליין איבערגעלעבט אלע שרעקען און גרוילען פון דער גזרה פון תק״כח און איהם האט אויסגעוויעזען, אז זיא איז גרעסער פון דיא גזרות פון ת״ח, נאר וויא דאס איז, אידישע בלוט האט זיך גענאסען טייבענ־וויז און צעהנדלינגע,

*) אין ראגראד ווען דיא אידען האבען דערהערט, אז זשעלעזניאק קומט מיט דיא היידאמאקען האבן זיי זיך אלע פערזאמעלט אין שוהל און האבען איינער דעם צווייטען אויסגעקוילעט עד אחד.

צעהנדליגע טויזענדער אידען זיינען דער'הרג'עט געוואָרען מיט אַלע שרעקליכע טויד־טען, וואס נאר פראים ווילדע מענשען קענען אויסטראַכטען.

מאַטעריאַל פאר דער ערצעהלונג האב איך גענומען פון דעם רוסישען שרייבער מאָרדאָווצעוו, פון זיין „צווישען האמער און קלאָץ" וואס האט זיך אָנגעהויבען צו דרוקען אין וואָסכאָד און וואס איז ניט פערענדיגט געוואָרען דאָרטען, ווייל דיא צענזור האט דעם זשורנאַל אָבגעשטעלט און האט פערבאָטען צו דרוקען דיא ווייטערדיגע פאָרטזעצונגען פון דער ערצעהלונג; פון ח. י. גורלאנד'ס „לקורות הגזרות" און פון נאָך אייניגע קוועלען.

אין אידיש געפינט זיך א קליינע בראָשורע, וואס בעשרייבט דיא הריגה אין אומאַן, נאר זיא איז א יקר המציאות און מען קען איהר כמעט ניט קריגען. פון דאָרטען האָב איך גענומען דיא פאַקטען וועגען משה מענר און לייבע.

ב. גאָרין.

1טעס קאפיטעל

פרייטאָג-צו-נאכט.

א שטילע ווארעמע פריהלינגס־נאכט האט נענומען פערשפרייטען איהרע שאָטענס איבער דער שטאָדט אומאַן, דער הימעל ווערט אלץ דונקעלער און הויבט זיך אָן צו בעפּוצען מיט בליסצענדע שטערען, און וואס ווייטער ווערט זעהר שיין אלץ העלער און העלער.

די הייזער זעהן אויס זעהר פריילין, אומעדום זיינען די לייכטער אנגעצונדען און די טישען געדעקט וויא צו א מאָלצייט.

רחל, רבי יצחק דעם גביר׳ס טאָכטער, זיצט ביים אָפענעם פענסטער און קוקט ארויס אין דרויסען. זיא הערט זיך צו צו דיא טויזענדער קלאַנגען און מעלאָדיען, מיט וועלכען דיא לופט איז פול פון דעם נייעם לעבען, וואס דיא בענייטע נאטור האט ארויסגערופען. איהר געזיכט שיינט און שטראהלט, אין איהר גאנצען וועזען, דוכט זיך, טונקט זיך אָב דער פריהלינג אליין, מיט זיין גאנצען פּראכט און גלאַנץ. זיא איז א טיפּ פון אמת׳ער אידישער שעהנהייט, וואס האט זיך איינגעהאלטען דיא גאנצע טויזענדער יאהרען פון דעם היסטאָרישען לעבען פון דעם וואונדערבארען פאָלק, א טיפּ וואס איז פערבליעבען אין זיין גאנצע ריינקייט פון דיא אמהות אָן, און טראגט אויף זיך דיא שפּורען פון דער שעפּפענדער הייסער זון פון ארץ ישראל, מצרים, שפּאניען,* פון דער פּאָרטישער קארדאווא, סעווילע און גראנאדא. דיזע זון פון דעם ברענענדען אָריענט ריכטיג זיך אָבגעטונקט אין רחל׳ס שטראהלענדע אויגען אין דער רויטקייט פון איהרע ברוינע בעקעלאך און אין דעם שווארצען זיידענס פון איהרע פּראכטפאָלע האָר. זיא איז נאָך געווען זעהר יונג און עס איז געווען קענטיג, אז זיא האט אקארסט אויפגעהערט צו זיין א קליין מיידעלע, נאר איהר בלענדענדע שעהנקייט האט נאָך מעהר בעצויבערט, וואס זיא אליין האָט עס נאָך ניט געוואוסט.

רבי יצחק קאהען איז אריין מיט א פריילינבען „גוט שבת!“ און האט גלייך גענומען זינגען „שלום עליכם“. דיא שטוביגע האבען איהם אונטערגעהאָלפען און עס האָט געדוכט, אז מלאכים שוועבען ארום דיא לייכטער.

קאהען איז שוין געווען אריבער זעכציג, נאר ער האט אויסגעזעהן פריש און מונטער, די אויגען האבען ביי איהם אויך געשטראהלט, ווי ביי דער טאכטער און זיי זיינען געווען נאר יונג. ער האט זיך געזעצט אויבען אן ביים טיש און ארום איהם דאס ווייב לאה, מיט די קינדער, רחל און א אינגערע שוועסטער שרה׳קע און דריי זיהן.

קוים האט זיך די סעודה אנגעהויבען און פון דער גאס האט זיך ווייטער דערהערט א טרויעריגער נגון, און א ווייבערשער קולכיל האט דייטליך אויסגעזונ־גען א מאלאראסישע ליעדעל.

— פאר וואס איז ביי אונז ניטא אזעלכע ליעדער? האט רחל געפרעגט.

— דאס זינגען די גוים זייערע „וועסניאנקעס“ (פריהלינגס־ליעדער).

— איך וויס, אז דאס זיינען וועסניאנקעס, נאר פאר וואס האבען מיר ניט אזעלכע ליעדער? האט ווייטער רחל געפרעגט.

— דאס זיינען געצענדינערישע ליעדער און מיר זיינען ניט קיין געצענדינער, האט געענטפערט שמשון, דער עלטערער זוהן. מיר האבען אונזערע הייליגע שירים.

— די גוים זינגען דאך אויך אין די קלויסטערס אנדערע שירים, נאר פאר וואס האבען מיר ניט קיין „וועסניאנקעס?“ פאר וואס זינגען מיר ניט אין די גאסען?

— ווייל מיר זיינען אין גלות; אונזערע ליעדער האבען מיר איבערגעלאזט אין דעם הייליגען ציון און אונזערע פידלען היינגען אויף די בוימער נעבען די טייכען פון בבל.

— אין גלות, האט רחל געטראכט, און איך האב אזוי ליעב מיין געבורטס־טאג, די ליעבע אוקריינע, מיט איהרע ליעדער מיט די הויכע ווערבעס ביים וואסער.

נאר ביים פאטער האבען שמשון׳ס ווערטער ארויסגערופען אנדערע רעיונות. „אויף די טייכען פון בבל דארטען זיינען מיר געזעסען און געוויינט .....“ האבען מיר נאר דארטען געוויינט? אויף די ברעגעס פון ניקוס האבען מיר נאך מעהר געוויינט, און נאך פריהער פון דארטען ...... און אויף די ברעגעס פון דעם מוטנעם טיבער פיעל זיינען אידישע טרעהרען פערגאסען געווארען! און אויף די ברעגעס פון מאנסאנארעס, און פון גוואדאלקוויווער, און פון דנעפער, און פון טיאסמין, און פון ראס!

אויף דרויסען האָט דאס זינגען נאָך אנגעהאלטען, א כאָר פון מאנסבילשע קולות האט פערהילכט דיא גאסען ארום און ארום, פלוצים האט זיך דאס זינגען איבערייזהאקט, און יעמאנד האט געזאגט אין דער הויף:

— איהר ווייסט? איבער־מאָרגען וועט מען דיא גאַידאמאַקעס הינריכטען — קומט אויפ'ן פלעציל זעהן.

— געוויס, געוויס וועלען מיר קומען, האבען געענטפערט פיעלע קולות. פיעל זיינען זיי?

— פינף פארשוין, איהר מיידלאך, קומט אויך.

— מיר וועלען קומען.

— און עס קען זיין, אז ווער פון אייך וועט פון זיי אויסקלייבען א חתן און אָבראַטעווען פון תליה.

— וואס ריידען זיי דאָרטען פאָטער? האט רחל געפרעגט פערוואונדערט. קען טאקע א מיידעל אָבראַטעווען א מערדער פון דער תליה?

— יא טאָכטער, האט יצחק געענטפערט. אזא מנהג איז דאָ, אז א מיידעל וויל אָבראַטעווען א גאַידאמאַק פון תליה, קען זיא דאס טהאָן.

— וויא! און איך קען דאס אויך טהאָן?

— דוא אויך, אבער דערנאָך מוזטו מיט איהם חתונה האבען.

— אָה, דאס טויג ניט, אבער דאס איז שרעקליך.

— שרעקליכער אבער זיינען דיא מערדערייען, וואס זיי, דיא גאַידאמאַקעס טהוען אָב, האט זיך אריינגעמישט מאָשע דער איינגסטער זוהן.

דער געשפרעך וועגען דיא גאַידאמאַקעס האט ביי קאהען ארויסגערופען טרויעריגע עראינערונגען וועגען דיא פערגאנגענע אונגליקען, וואס זיינען בעפאלען אידען, און ער האט ביז גרויסען טאָג ניט געקענט איינשלאפען.

דער שבת איז ביי קאהען אוועק רוהיג, נאר דער שבת־צו־נאכט האט גע־בראכט א שרעקליכע בשורה.

קאָהען איז שוין געלעגען אין בעט און האט זיך געמאטערט איינצושלאפען, אבער דיא לופט אין צימער האט איהם געשיינט צו זיין זעהר שטיקענד, און ער איז אראָב עפענען א פענסטער. ער איז א ווייל געשטאנען ביים אָפענעם פענסטער און געשלונגען דיא פרישע לופט.

— דוכט זיך, עמיצער פאהרט, האט ער צו זיך געזאגט.

ער האט ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון פענסטער און האט זיך צוגעהערט:

— יא, נאר ווער קען דאס פאהרען אזוי שפעט?

דער גערויש פון דיא רעדער איז שטיל געוואָרען ביי דער סאמע טהיר פון זיין הויז. דאס פערד האט אנגעהויבען צו הירזשען.

— וואס איז דאס? דוכט זיך אונזער פערד. קען דאס זיין, אז אפרים האט זיך שוין אומגעקעהרט צוריק? יא, עמיצער קלינגט — דאס איז קיין אנדערער, ווי אפרים.

ער האט אויף זיך ארויפגעוואָרפען זיין כאלאט און איז געגאנגען עפענען דיא טהיר פון גאַ־טען.

— דער הונד בילט אויך נים, ער האט דערקענט אן איינעם הייסט עס, האט קאַהען גערעדט צו זיך, געהענדיג צו דער טהיר.

דער גרויסער הונד האט זיך מיט דער מאָרדע איינגעשפארט אין דער טהיר און האט פריינדליך געדרייט מיט'ן עק

— דאס ביזטו אפרים? האט קאהען געפרעגט אונרוהיג.

— דאס בין איך, פאָטער.

— וויא קומסטו איצט צו זיי דא?

— איך וועל דיר שפעטער דערצעהלען, אין שטוב.

דער טהויער האט זיך געעפענט און אפרים איז אריינגעפאהרען אין הויף.

— און וואו איז חם'קע?

— שפעטער, אין שטוב וועל איך דיר זאָגען.

באלד איז שמשון ארויסגעקומען.

— וויא קומט עס אזוי פריה ביזטו צוריק? און וואו איז חם?

— שפעטער, שפעטער ...... דא איז נים דער פלאץ, איז געווען דער זעלבע ענטפער.

2טעם קאפיטעל.

הכנות צו אן הריגה.

דער אלטער קאהען איז געשטאנען אין שטוב, וויא אויף שפילקעס און האט מיט א שטארקע קלאַפּעניש אין הארצען געווארט אפרים זאל שוין אריינקומען און דערצעהלען, וואס פאר א שלעכטע בשורה ער האט געבראכט.

אפרים האט דערווייל אויסגעשפאנט דאס פערד און אריינגעפיהרט עס אין סטאדאלע, און שמשון האט צוריק פערשפארט דעם טהויער.

ווי נאר די זיהן זיינען אריינגעקומען, האט זיך דער אלטער סאהען גע־ווענדעט צו אפרים מיט א צושראָקען קול:

— דערצעהל, דערצעהל, מיין זוהן, וואס איז געשעהן?

— זעץ זיך פאָטער, און איך וועל דערצעהלען, האט אפרים געזאגט, און האט מיט א טיכעל אָבגעווישט דעם שטויב פון זיין פערברוינטע שעהנע געזיכט.

— איז ביי דיר אלץ אין גאנצען? האט שמשון געפרעגט.

— אלץ אין גאנצען.

— דערצעהל שוין! האט דער פאָטער איהם געטריבען.

— גלייך. געכטען האָב איך אויפגעמאָנט די רעסטע ביסעל חובות פון די פריצים און האָב געהאט בדעה צו פאהרען אין ביעלא־צערקאָוו, ערסט איך בין געוואָר געוואָרען, אז אין לעבעדין דארף היינט זיין א יריד, און איך האב געטראכט אז אהין וועלען אנפאהרען פיעל סוחרים און א מאָל קען זיך אונטערוקען אויף א יריד עפעס א גוטער געשעפטיל און איך האָב געהייסען פערקירעווען די פערד און פאָהרען אהין, מיר זיינען געווען ניט ווייט פון לעבעדין.

— גוט אזוי, מיין זוהן, געגעצען טאָר מען ניט, האט דער פאָטער געזאָגט. נו, וואס איז געווען?

— איך בין אוועקגעפאהרען אין לעבעדין, און עולם איז זיך אהין אויפגע־פאָהרען א שרעק. די גלאָקען פון קלויסטער האבען געקלונגען ווי אין א יום־טוב. חם האט מיך געבעטען, איך זאָל איהם לאָזען געהן אין קלויסטער, ווייל היינט איז ביי זיי א גרויסער חגא, דער הייליגער יורקיצ, „דוא ווילסט געהן אין קלויסטער — נעה, אבער זאם דיך ניט". חם איז אוועק. פלוצים דערזעה איך, אז נעבען קלויסטער שטעהן פיעל וועגען, איינגעדעקט מיט ראָגאָזשעס, און פעל. מען דארף געהן א קוק טהאָן, האָב איך געטראכט, וואס איז דאָרטען פאר א סחורה; אפשר קען זיך א מאָל מאכען א געשעפט.

— אזוי, אזוי, האט דער אלטער קאָהען געזאָגט.

— איך בין צוגעקומען צו די וועגען און האב א פרעג געטהאָן די פור־מאנעס: וואס איז דא אין די וועגען?

— „סחורה, גוטע סחורה"

— וואס פאר א סחורה?

— „געזאלצענע פיש."

— קען מען זעהן?

— „פאר וואס ניט?"

— און איינער האט אבגעבונדען א ראזשע און איך האב א קוש געטהאן. נאט גערעכטער! איך בין פערשטארבען מיט אלע גליעדער. דיא וועגען זיינען גע־וועז געפאקט מיט מעסערס.

— מעסערס! וואס פאר א מעסערס? האבען אויסגעשריען יצחק און דער עלטערער זוהן שמשון אין איין קול.

— מעסערס, אייזערנע מעסערס און אזעלכע גרויסע און זיי האבען אזוי גע־בלאנקט אנטגעגען דער זון! וואס פאר א פיש איז דאס? האב איך געפרעגט.

— „אייזערנע פיש" האבען דיא פורמאנעס געענטפערט און האבען דערביי מאוס געכמשירעט דיא ציינער.

— צו וואס זיינען דיא מעססערס?

— „דאס האט אונז דיא מאמע געשיקט א מתנה."

— וועלכע מאמע?

— „דיא מאמע דיא קייזערינע."

— צו וואס?

— „א כבוד פאר דיא פריצים, דיא מאמע האט אונז געשיקט א כתב, גע־שריבען מיט גאלד און גע'חתמ'עט מיט א רויטען שטעמפעל."

— און וואס שטעהט אין יענעם כתב?

— „עס שטעהט אין כתב, אז דיא פריצים און גלחים ווילען אונזער אמת'ע אמונה אויסראטען אין אוקריינע און אונזער גאנצע פאלק אב'שמד'ען, און דיא מאמע־דיא־קייזערינע הייסט אונז זיי אלעמען אויסקוילען."

— נאט גערעכטער! האט דער אלטער קאהען אויסגעשריען פערצווייפעלט און פערבראכען מיט דיא הענד.

— וואס אזוינס איז געשעהן? האט געפרעגט דיא אלטע לאה, וואס איז אריינגעקומען שטיל אין צימער.

— אלע האבען זיך אומגעקוקט אויף איהר.

— א שרעקליכע בשורה האט אונז אפרים געבראכט, האט דער אלטער געזאגט מיט א צושראקענעם און שושקעדיגען קול! א שרעקליכע בשורה! במעלניצקי'ס צייט קעהרען זיך אום.

— שטארקער און בארעמהערציגער גאט! האט לאה אויסגעשריען.

— נו, דערצעהל, וואס איז געווען ווייטער! האט זיך דער אלטער קאָהען געווענדעט צו אפרים מיט דעם זעלבען שושקעדיגען קול.

אפרים האט אויך אראָבגעלאָזט זיין קול און געזאָגט:

— איך האָב ניט געוואָלט גלויבען, וואס דיא פויערים האבען מיר געזאָגט, נאר פּלוצים האָב איך דערזעהן, וויא דיא טהירען פון קלויסטער האבען זיך געעפענט און דער עולם איז פון דאָרטען ארויס, און גלייך האט מען ארויסגעטראָגען דיא צלמים און בילדער פונקט אזוי וויא אויף פסח, דער פּאָפּ מיט זיינע בעהעלפער האבען געזונגען, און דערנאך האט ער גענומען בעשפּריצען מיט'ן הייליגען וואסער דיא וועגען מיט דיא מעססערס. איך בין אָבגעטראָטען אן א זייט און האב זיך פון דערווייטענס צוגעקוקט, א שוידער איז מיר איבערגעגאנגען איבער'ן לייב. דאס הייסט דיא פורמאנעס האבען מיר געזאָגט דעם אמת. פּלוצים האָב איך דערהערט וויא עמיצער ציהט מיר ביי דער האנד, איך קוק זיך ארום און דערזעה חמ'ן. ער האט מיר אין דער שטיל איינגעראָמט א סוד, אז זיי האבען איצט בעקומען דיא ברכה אויסצוקוילען דיא פּריצים, דיא קסענדזשעס און דיא אידען.

—„טראגט זיך אָב פון דאנען וואָס גיכער, האט ער מיר געזאָגט. איך וועל אייך קיין שלעכטס ניט טהאָן איהר זייט געווען גוט צו מיר, נאר אנדערע וועלען אייך דער'הרגענען.“

לאה האט גענומען ברעכען מיט דיא הענד, דיא מאנסבילען האבען געשוויגען. דער אלטער קאָהען איז געווען בלייך און שמשון רויט פאר כעס.

— און דוא האָסט שוין לענגער ניט געווארט? האט שמשון געפרעגט מיט א טויבען קול.

— איך האב נאר געזעהן, וויא מען האט צוטהיילט דיא מעססערס צווישען דיא פויערים און וויא דיא פויערים האבען זיך דערביי גע'צלם'ט און געקוסט דיא מעססערס, וויא עפּעס א הייליגע זאך.

— זיינען דאָרטען געווען פּאָניעס?

— ניין.

— נאר צו וואָס זאָלען זיי דאָרטען זיין? האט שמשון געזאָגט פערטראכט. ווען דיא קייזעריגע מאכט דעם בונד געגען פויליען אין געהיים, קענען דאָרטען קיין פּאָניעס ניט זיין. מען שטעלט אונטער פויליען א פוס.

— וויאפיעל זיינען זיי דאָרט? האט פּלוצים דער אלטער קאָהען געפרעגט.

— וועמען מיינסטו, פאָטער?

— דיא האַלעדריגעס.

— שווער צו זאָגען; נאָר דיא מחנה איז געווען אַ גרויסע.

— האָבען זיי הארמאַטען אויך מיט זיך? האָט שמשון געפרעגט.

— ניין, הארמאַטען זיינען ניט געוועןֿ.

— אויב אַזוי, וועלען זיי אונזערע פעסטונגען און שלעסער ניט נעהמען.

— און וויא איז, אז מען וועט זיי צושיקען פון מאָסקווע.

— הארמאַטען שיקען אין געהיים? מעסערס קען מען צושיקען אין געהיים אבער ניט הארמאַטען. און אָהן דעם איז דאָס ניט מעהר, וויא אַ סטאַדע שעפסען. אונזערע קאַזאַקען וועלען פון זיי מאַכען אַ תל. דיא האַלאַדריגעס זיינען מסתמא דיא זעלבע גאַידאַמאַקען, וואָס אונזערע קאַזאַקען כאַפּען יעדען זומער. מאָרגען וועט מען פינף פון זיי הינריכטען.

— מאָרגען?

— יא.

דאָס זינגען אויף דער גאָס האָט נאָך האָט נאָך אָנגעהאַלטען. אין דער מינוט זיינען דיא זינגענדע מיידלאַך פערביי געגאַנגען קאָהען'ס הויז.

— און ווען שלאָפען דיא פערפלוכטע פויערים? האָט שמשון געזאָגט מיט כעס. עס וועררט זיי גאָר ניט נמאס!

3טעס קאַפּיטעל.

גאַידאַמאַק אויפ'ן פּלאָקען.

אויף מאָרגען איז דיא גאַנצע שטאָדט אומאַן געווען אויף. פון אין דער פריה האָט זיך דער עולם געצויגען צום ראַטויז, צום פּלאַץ וואו דיא גאַידאַמאַקעס האָבען געדאַרפט הינגעריכטעט ווערען.

דיא קאַזאַקען אויף שוואַרצע פערד זיינען געווען אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער רייהע. זייער עלטסטער גאַנטאַ, אַ ברונעט מיט לאַנגע וואָנסען האָט געקוקט פערטראַכט. פון דער צווייטער האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע אומאַנער שעהנהייטען, אויסגעפוצט יום־טוב'דיג; דיזע זייט האָט אויסגעזעהן פון דערווייטענס, וויא אַ העלער בלומען־גאָרטען. אין דער פאָרשטעהענדער שרעקליכער צערעמאָניע האָבען דיא מיידלאַך געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע: יעדע פון זיי האָט געקענט אָבראַטעווען פון טויט אַ פער'משפּט'ען גאַידאַמאַק.

דעם דאָזיגען מנהג האט איינגעפיהרט אין אומאן מלאדאנאָוויטש. ער האט מיט דעם געוואָלט אָבשוואכען די נאידאמאצקע בעפאלונגען, אויף די פוילישע אוקריינע און צו דערזעלבער צייט מאכען נעדריגער די בעפעלקערונג אין דער פראָווינץ, וואס פאטאָצקי האט איהם אנפערטרויט. יעדען זומער פלעגען פון די זאפאראָזישער סטעפּעס־באנדעס גאידאמאקען, אָנפאלען אויף די פוילישע אוקריינע און איבערהויפּט אויף די רייכע געגענד פון אומאן; געגען די רויבער פלעגט מען ארויסשיקען די חיל, וואס האבען זיך געפונען אין אומאן און פון אנדערע פוילישע פעסטונגען, וואס האבען זיך געפונען ביים גרעניץ מיט רוסלאנד. די פוילישע בעאמטע פלעגען געוועהנליך הענגען די געפאנגענע גאידאמאקען, נאָר אָפט פלעגט מען זיי געבען א ערגערן טויד — מען פלעגט זיי ארויפזעצען אויף א שפּיציגען פלאָקען, מלאדאנאוויץ האט איינגעפיהרט, אז יעדען געפאנגענעם גאידאמאק זאָל מען פאר דער הינריכטונג ווייזען די אומאנער מיידלאך און ווען איינע וועט איינוויליגען חתונה צו האבען פאר איהם, האט ער געדארפט שווערען טרייהיים צו פוילען און מען האט די פערהייראטע פאָר געגעבען ערד, פיה, גע־הילץ צום בויען א הויז און די ערסטע צייט אביסעל געלד.

אויף אזא אופן זיינען אין דעם פערלויף פון די צעהן יאָהר, וואס מלאדאנאוויטש איז געווען גובערנאטאָר צוגעקומען א טויזענד פאמיליען אין אומאן פון די געוועזענע האלדשניידער.

אלע האבען איצט געקוקט אויף די תליות און אויף די פלעקער, וואס זיינען געווען פון אויבען אזוי פערשפּיצט וויא פערשניצטע בלייפעדער צום מאָהלען. נעבען יעדען פלאָקען איז געווען צוגעשטעלט א לייטער.

ענדליך האָט זיך דערהערט א טויבער פויקען און דער קלאַנג פון קייטען.

— מען פיהרט זיי! מען פיהרט זיי!

פון דער זייט וואו די מיידלאך זיינען געשטאנען, האט זיך בעוויעזען די פּראָצעסיאָ. פון פאָרענט איז געגאנגען דער גלח מיט א צלם אין האנד, הינטער איהם דער פייקלער און הינטער דעם פייקלער די פער׳משפּט׳ע די הענד און די פיס געשמידט אין קייטען. פון די זייטען זיינען געגאנגען סאָלדאטען מיט די העקערס.

די גאידאמאקען האבען געקוקט דרייסט זאָגאר עזות׳דיג. נאר איינער איז געווען זעהר א יונגער, נאָר וואָס די וואָנסען האָבען ביי איהם גענומען ארויס־שפּראָצען און ער איז געווען אומעדיג מיט אראָבגעלאָזטע אויגען.

דיא פער׳משפטע האט מען געשטעלט אנטנעגען דיא מיידלאך, איינינע מייד־לאך האבען זיך פערשעמט און האבען פערשטעלט דאס געזיכט מיט דיא הענד.

— איך צוא וויין זיך שוין, האט איינע געזאגט, אזא רחמנות אויפ׳ן יונגעינקען.

גאנטא איז צוגעפאהרען צו דיא מיידלאך.

— ווער פון אייך וויל ראטעווען א קריסטליכע נשמה?

דיא מיידלאך האבען ניט געענטפערט, זיי האבען נאר פערדעקט דיא גע־זיכטער מיט דיא הענד, און בעהאלטען זיך איינע אונטער דער צווייטע. גאנטא האט געווארט, דיא פער׳משפט׳ע האבען אויך געווארט.

— ווער פון אייך וויל ראטעווען א קריסטליכע נשמה, האט גאנטא געפרעגט צום צווייטען מאל.

ווייטער שטיל, קיינער ענטפערט ניט. דיא מיידלאך האבען זיך צווישען זיך געשושקעט, איינינע פון דיא פער׳משפט׳ע האבען געקריגען פינסטערע געזיכטער. האט שוין געקלאפט זייער לעצטע שעה? איינינע מיידלאך האבען געוויינט.

— אה, שרה׳לע, וויא מיר רייסט דאס הארץ אויף יענעם יונגינקען, האט רחל געזאגט צו איהר איינגערע שוועסטער. פאר וואס קען איך איהם ניט אבראטעווען?

זיא האט אבגעווישט דיא טרעהרען, וואס זיינען געהאנגען אויף איהרע לאנגע ברעמען.

— דאס לעצטע מאל פרעג איך, ווער וויל אבראטעווען א קריסטליבע נשמה? האט גאנטא געפרעגט און האט זיין קול אויפגעהויבען אין דער הויך.

— איך! האט זיך אנגערופען א יונג מיידעלע, כמעט נאך א קינד, און האט אויסגעווישט דיא טרעהרען פון דיא אויגען.

— געבענשט זאלסטו זיין נוטעס קינד, האט דער גלח געזאגט צו איהר און האט איהר איבערגע׳צלמ׳ט. וויא אזוי ביזטו?

— פופצעהן יאהר, האט זיא געענטפערט אין דער שטיל.

— וועלכען קלייבסטו אויס?

זיא האט זיך פערשעהמט און האט זיך פערשטעלט דאס געזיכט מיט דיא הע

— זאג, קינד, וועלכען קלייבסטו אויס, האט דער גלח ווידער געזאגט.

— יענעם, האט זיא געענטפערט, און ניט אראבגענומען דיא הענד פון געזיכט.

— וועלכען?

— יענעם, האט זיא געענטפערט, און האט מעהר קיין וואָרט ניט ארויס־געבראכט.

— דעם יונגענקען? יענעם מיינסטו? יענעם יונגענקען?

— יא.

— א חכמה, אויף מיינע נאמנות! האט רחל דערפרייט געזאגט צו איהר שוועסטער.

דער גלח האט דאס וויינענדע מיידעל גענומען פאר דער האנד און האט איהר צוגעפיהרט צום פער׳משפט׳ען.

— דיזע ריינע נשמה קלייבט דיר אויס אלס א געגענשטאנד פון מיטלייד — ווילסטו איהר האבען פאר א ווייב?

— איך וויל, האט דער פער׳משפט׳ער געענטפערט שטיל.

— און דוא ועסט שווערען, אז דוא וועסט ווייטער זיין א גוטער קריסט?

— איך וועל שווערען.

— און דוא וועסט חרטה האבען אויף דיינע פריהערדיגע זינד?

— איך האב חרטה.

— נעהמט פון איהם אראב דיא קייטען.

אין דער מינוט האט זיך דערהערט פון דיא מיידלאך א קול:

— איך וויל אויך!

— איך אויך!

אה! אָה! עס האט זיך זיי פערגלוסט! האט איינער פון דיא שטאָדטישע יונגע לייט ארויסגעלאָזט און המצאה.

דערווייל האבען זיך נאך אָנגערופען דריי מיידלאך און נאך דריי פער׳משפט׳ע זיינען בעפרייט געוואָרען, עס איז נאר פערבליבען איינער, אויף וועלכען עס האט זיך קיין בעלנ׳טע ניט געפונען. ער איז שוין געוועזען אלט א יאהר פופציג, מיט ברייטע פלייצעס, מיט א רויטען געזיכט, מיט לאנגע שיווע וואָנסען, מיט אן אלטען שניט פון א שפאגע אויפ׳ן באק.

— ווער וויל אָבראטעווען דעם לעצטען?

פון דיא מיידלאך איז ארויסגעטראָטען א שעהנע מיידעל מיט א הויכען בוזים, ארומגעהאנגען מיט קאָראַלען.

— די טענצערקע! די טענצערקע! איז איבערגעגאנגען א מורמעל איבער'ן גאנצען פלאץ.

זיא איז געווען א נאכט־פויגעל און איז געוועזן בעוואוסט אין גאנץ אומאן.

— איך! האט זיא געזאגט און איז צוגעגאנגען צום פער'משפט'ען.

דער פער'משפט'ער האט איהר אבגעמאסטען מיט א פערוואונדערטען בליק און איז אבגעטראטען אהינטער.

— אוועק! האט ער געזאגט מיט א בייזער. פון דער היים בין איך אנטלאפען צוליעב אזא מכשפה, און דא קומט צו מיר אן אנדערע. בעסער אויפ'ן פלאקען איידער מיט דיר חתונה צו האבען.

דער עולם האט זיך צו לאכט.

נאכדעם האט שוין קיין מיידעל ניט געוואגט צו איהם צוגעהן.

— אויפ'ן פלאקען! האט גאנטא געזאגט צו די הענקער.

שווארצע פיגורען האבען איהם ארומגערינגעלט.

—ווארט נאך אויף, האט צו זיי געזאגט דער גלח; דערווייל איז ער נאך מיינער.

די הענקער האבען זיך אבגעטראגען אין א זייט.

— זאג, מיין זוהן, ביזטו א קריסט?

— א קריסט?

— גלויבסטו אין גאט?

— איך גלויב...... וואס בין איך א טאטער אדער א ליאך?

— אויב אזוי זיי זיך מתודה פאר'ן טוידט.

דער פער'משפט'ער האט אנגעבויגען דעם קאפ.

— איך בין זינדיג, האט ער געענטפערט: מיטוואך און פרייטאג האב איך געגעסען פלייש.

— האסטו געמארדעט? האסטו געראבעוועט?

— אין דעם בין איך ניט זינדיג, איך האב נאר גע'הרג'עט די ליאכען, און די טאטערס און די אידען. דאס איז ניט קיין זינד.

נאכ'דעם וויא דער גלח האט מיט איהם געזאגט א געבעט, האט ער זיך געווענדט צו די הענקערס:

— איצט געהערט ער צו אייך און צו גאט.

— נעהמט פון איהם אראב די קייטען, האט גאנטא געזאגט.

מען האט דיא סייטע: פון איהם אבגעשמידט.

— איצט בינדט איהם און זעצט איהם אנידער אויפ'ן פלאָקען.

דיא הענקערס זיינען צו איהם צוגעגאנגען מיט שטריק.

— אוועקט! האט ער געגעבען א געשריי, איך בין ניט קיין הונד, וואס איהר וועט מיר בינדען. איך וועל אליין געהן אויפ'ן פלאָקען.

גאָנטאַ האט געוואוסט, אז א קאָזאַק וועט אין דעם הינזיכט האלטען וואָרט, און ער האט געהייסען דיא העכקער אָבטרעטען.

דער פער'משפט'ער האט זיך פערנייגט פאר'ן פאָ'לק און געבעטען אום פערצייהונג, און האט גענומען מיט לאנגזאמע טריט קריכען אויפ'ן לייטער צום פלאָקען.

שטעהענדיג שוין אויפ'ן לעצטען שטאַפעל, האט ער זיך ווייטער געווענדט צום פאָלק:

— זייט געזונד, גוטע מענשען, און קוקט זיך צו, וויא בארקאַ ראָזבי־גלעק זעצט זיך רייטענדיג אויפ'ן פערד.

און ער האט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן שפיץ פון דעם שרעקליכען פערשארפטען פלאָקען, פונקט וויא ער וואָלט זיך אנידערגעזעצט אויף א שטוהל. ביי דיא פרויען האט זיך ארויסגעריסען א געשריי פון שרעק.

— אָה־אָה־אָה! פערדעלע מיינס! האט ער א טויבען קרעכץ געטהאָן און האט מיט'ן פוס אָבגעשטופט דעם לייטער, וואס האט איהם נאך געקענט א ווילע פערלייכטערן זיינע שרעקליכע יסורים. ווייל איצט האט זיך זיין שווערער קערפער אלץ מעהר און מעהר אראָבגעזעצט אויפ'ן שרעקליכען פלאָקען.

דאס געזיכט אבער ביי דעם שרעקליכען מענשען איז געבליבען וויא פריהער און האט ניט ארויסגעגעבען דיא יסורים, וואס ער איז אויסגעשטאַנען.

— נאַ, נאַ, פערדעלע! ריהר זיך, ריהר זיך!

לאנגזאם האט ער אריינגערוקט זיין האנד צו זיך אין קעשענע, און האט פון דאָרט ארויסגענומען א ליולקע האט איהר אָנגעשטאָפּט מיט טוטין און האָט גענומען אויסהאקען פייער און האט איהר פעררויכערט.

נאר דא איז געשעהן עטוואס אונערווארטעטעס. איינער פון דיא פיער פערצייהעטע נאַ־דאמאַקעס, דערזעהענדיג אזא ביישפיעל פון העלדעשקייט פון זיינעם א קאמעראד, איז געוואָרען פערשעהמט פאר זיין מוטהלאָזיגקייט און האט אוועקגעוואָרפען זיין כלה און האט זיך געלאָזט לויפען צו א צווייטען פלאָקען.

— א חרפה, חברים, א חרפה! האט ער געשריען, ארויפקלעטערענדיג אויפ'ן

ליטער: אויפ'ן פלאַקען און ניט פערקיפען דיא פרייהייט צו דיא פערפלוכטע ליאַבען!

נאך איהם האבען זיך געוואָרפען דיא איבריגע דריי פערציעהעטע.

— גוט, גוט אזוי, האט בארקאַ, זיצענדיג אויפ'ן פלאַקען, געשריען און האָט פערריכט זיין היטעל אויפ'ן קאָפּ.

דיא הענקערס אבער האבען געכאַפּט דיא איבריגע פיער און געבונדען זיי.

4טעס קאַפּיטעל.

אונערוואַרטעטע בעגעגניס.

דער פריהמאָרגען פון דעם קומענדען טאָג איז געווען נאך א שעהנערער וויא נעכטען, און ער האט געטראָפען דעם אלטען קאהען מיט אפרים'ן אין וועג. א גרינגע בריטשקע, אין וועלכע זיינען געווען געשפאנט צוויי זאטע פערד, האט זיי לאנגזאם געפיהרט איבער'ן טראַקט, וואס האט געפיהרט נאך בערדיטשעוו.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ביי דעם אלטען קאהען איז געווען זוויער אויפ'ן הארצען, האט ער דאך ניט געקענט איינהאלטען זיך פון צו בעוואונדערן דעם רייצענד שעהנעם פריהמאָרגען. דיא ליעבע נאטור האט געשיינט צו זאָגען איהם: „קוק, וויא שטיל און וויא רוהיג איז אלעס ביי מיר, יעדעס בלעטעלע אויפ'ן בוים, יעדעס גרעזעלע פיהלען דיא גאנצע זיסקייט פון לעבען, וואס דער גוטער בורא האט זיי געשענקט. פאר וואס מאכט איהר מענשען זיך אליין זוויער דאס לעבען מיט אייערע אויביגע זאָרג.“

אין גראָז האבען פריילין געקוויטשעט דיא פויגלאך, זיי האבען אויף זייער ליאָן געזונגען דיא פריהלינגס־ליעדער, פון דערוויטענס האט דערגרייכט דיא קוואַ־קעריי פון דיא זשאבעס. דאס האט איהם זעהר גערוהרט ביים הארצען, נאר פלו־צים האבען זיך זיינע אויגען אבגעשטעלט אויף א פינטעל אין דער לופט, דאָרטען אין דער הויך האט פערנאנדערגעשפרייט א שפּארבער זיינע פליגלען און האט געהיט זיינע א רויב.

— א גאַידאמאק! א גאַידאמאק! איז איהם דורכגעלאָפען א געדאנק.

און דיא נאטור האט פאר איהם פערלאָרען איהר גאנצען חן.

דער שפּארבער בעפאלט דאס אונשולדיג פויגעלע, און דאס אונשולדיגע פויגעלע קוקט אויף דיא זאַרגלאָזע שטיפענדע זומער־פויגעלע. אומעדום זיינען פאראן גאַידאמאַקעס, וואס קוקען נאר אויס אויף א געלעגענהייט צו מאכען א בעפאל אויף זייער רויב — אויף דיא קינדער פון ישראל.

דאס האט איהם ארויפגעבראכט אויפ'ן געדאנק דעם ציעל פון זייער רייזע.

— איך זאָל איהם נאר טרעפען אין פּאלאנאי, האט ער גערעדט מיט זיך, וועהרענד אפרים דערוואַרעמט פון דער זון, האט געדרימעלט. ער איז א הייליגער מאן, ער קען פּיעלייכט העלפען צום אונגליק. אין איהם ליעגט א געוואלדיגע קראפט ער האט מיט זיין תפילה אבגעראטעוועט געמיראוו פון דיא טאטערס, ווען זיי זיינען געגאנגען בעפאלען דיא שטאדט. א תפילה פון א צדיק האט עפּעס צו זאָגען. האט יהשוע בן־נון ניט אבגעשטעלט דיא זון מיט א תפילה? האט משה ניט געשפּאלטען דעם ים מיט א געבעט?

אנטגעגען זיי איז אנגעקומען א פּויערש פוהרל, דער פּויער האט געזונגען א פאָלקס־ליעדעל, וויא דער קבר האט גערעדט אין פעלד מיט'ן ווינד.

— אָה, וואס פאר א פיינע רעדער ביים אידען אין ברימשקע! איך זאָל האבען אזעלכע רעדער!

און ער האט ווייטער געגומען זינגען זיין ליעדעל.

— ער זינגט אויך, האט קאהען געטראכט, און פאר וואס האב איך דאס קיין מאָל ניט געזעהן, אז א איד זאָל פאהרען זינגען? און מיין רחל איז גערעכט, אז מיר האבען קיין ליעדער ניט. דיא פויגעל זינגט, דיא זשאבע זינגט, דער איד אבער זינגט ניט, פאר'ן אידען איז ניטאָ קיין פריהלינג.

— דער גאידאמאק לעבט נאך אלץ? האט אפרים געפרעגט ערוואכענד.

— וועלכער גאידאמאק? האט דער פאָטער געפרעגט פערוואונדערט.

— יענער, וואָס מען האט איהם אויפ'ן פלאָקען ארויפגעזעצט.

— א, יענער! וואָס איז?

— נעכטען אבענד בין איך געגאנגען איבער יענעם פּלאץ, האט ער נאך געלעבט.

— וואס איז דער וואונדער? צוויים א שלאנג אויף שטיקער. צאפּעלט זיך יעדע שטיק בעזונדער. א גאידאמאק איז דערזעלבער שלאנג.

א וויילע זיינען זיי געזעסען שטיל.

— זאגסטו, אז פון לעבעדין האבען זיך דיא פּויערים געקליבען געהן אין טשערקאסי?

— אזוי האט מיר חם געזאָגט

— וועלען זיי געהן ווייטער צו באַרדימשעוו און אומאן וועלען זיי אויסמיידען.

— הלואי זאלען זיי אומאן אויסמיידען.

— יא, נאר מיט וואס איז בערדיטשעוו ערגער פון אומאן? דארטען זיינען אויך אונזערע בריעדער.

אין א זיים האָט א בליץ געטהאָן דאס קלאָרע וואסער פון א קליין טייבעל.

— שוין צייט אפשר אָנפאַשען דיא פערד, האָט אפרים געזאָגט. זיי האבען זיך גוט פערמאַטערט. דיא זון באַקט.

— זאָל זיין אזוי.

זיי האבען זיך אראָבגענומען פון וועג אין דער ריכטונג צום טייבעל און האָבען זיך אָבגעשטעלט נעבען א געדיכטען בוים, וואָס וואקסט ביים ברעג.

אפרים האט אויסגעשפאנט דיא פערד און געגעבען זיי עסען, דערנאָך האט ער ארויסגענומען פון בריטשקע א רייזע־זעקיל מיט עסענווארג און האט איבער'ן גראָז פערשפרייט א ריינעם האנד־טוך.

— איצט וועלען מיר אויך צובייסען.

אפרים האט פון טייבעל געבראכט וואסער צום וואשען זיך און זיי האבען זיך גענוצט עסען.

אויפ'ן טראקט האט זיך אין דער צייט בעוויזען א פוהר.

— עמיצער פאָהרט, האט געזאָגט דער אלטער קאָהען.

— יא, און דאס איז א אידישע פוהר, האט אפרים געזאָגט. דער בעל העגלה איז א איד.

— ער פיהרט מסתמא אן אָרימען שלאַבציץ.

— ניין, דער פאסאזשירער איז אויך א איד.

דער וואָגען איז דערווייל צוגעקומען נעהענטער.

— גאָט! דאס האבען מיר גאר ניט ערווארטעט!

— וואס איז?

— ער, ער! דיין שוועסטער קינד יעקב יוסף.

אצבע אלהים הוא! האט דער פאָטער געענטפערט און זיי זיינען געשווינד געגאנגען אנטקעגען דעם פאסאזשירער.

5טעס קאפיטעל.

דעם בעל-שם-טוב'ס תלמיד.

דאס איז ווירקליך געווען יעקב יוסף, איינער פון דיא בעסטע תלמידים פון בע"שט און א פערשפרייטער פון חסידיזמוס. בעקאנט האט ער זיך מיט'ן בע"שט אין 1747, און ער איז דאמאלס געווען רב אין שארגאראד. ער איז באלד אוועק בשתיקה צו איהם אין מעדזשיבאזש און ער איז ביי איהם פערבליבען, ביז ער האט פאר איהם אנטפלעקט דיא אלע סודות פון דער נייער לעהרע.

ווען מען איז געוואר געווארען, אז ער איז א הייסער אנהייגנער פון דעם חסידיזמוס האט מען איהם ,ארויסגעטריבען פון זיין שטעדטיל און אויסגעפאלען איז דאס פונקט ערב שבת.

נאכדעם איז ער געווארען רב אין ראשקאוו און דערנאך אין נעמיראוו. דא איז זיין שם געווארען זעהר גרויס און פון ארבע פנות העולם איז מען צו איהם געפאהרען.

נאכ'ן בע"שט'ס טוידט, ווען דיא חסידות איז אריבער פון פאדאליע אין וואלין איז יעקב יוסף אויך אריבער אהין און איז געווארען רב אין א וואלינער שטעדטיל פאלאניע און דא האט ער זיך מיט מעהר ברען גענומען צו פערשפריי־ דיא חסידות.

מיט דיזען תלמוד פון דעם בע"שט האבען זיך בעגעגענט אונזערע אומאנער בעקאנטע. דער בעל העגלה מיט וועלכען יעקב יוסף איז געפאהרען, האט זיך אויך אראבגענומען צום טייבעל, וואו זייער בריטשקע איז געשטאנען.

פון וואגען איז אראבגעקראכען א מאגערער און נערוועזער זקן, מיט א שעהנע ווייסע בארד. זיין אנגענעהמע געזיכט איז געווען זעהר עהנליך צו יצחק קאהען'ס. אנגעטהאן איז ער געווען זעהר איינפאך זאגאר ארים. נאר ווענעם בליק האט זיך אבגעשטעלט אויף זיין געזיכט האט ער דערפיהלט א גוואלדיגען דרך ארץ צו איהם.

— וואו פאהרט איהר? האט יעקב יוסף געפרעגט. ווענען געשעפט?

— ניין, האט יצחק קאהען געענטפערט. דיא זאך צוליעב וועלכע מיר פאה־ רען, איז וויכטיגער פון אלע געשעפטען.

— וואס איז דאס אזוינס? האט יעקב יוסף געפרעגט מיט מעהר אויפ־ מערקזאמקייט.

— מיר זיינען דאס געפאהרען צו דיר.

— וואס איז?

— א נייע גזרה האלט ביים געבוירען ווערען. אויף אידען. דיא האק ליגט אונטער'ן בוים און וויל איהם ארונטערהאקען.

— וועלכע האק? יענע האק, וועגען וועלכע דוא רעדסט, ליגט שוין טויזענדער יאָהרען אונטער'ן בוים און דער בוים וואקסט אלץ און איז גרין, און וועט אזוי וואקסען און גרינען עד ימות המשיח.

— דוא ווייסט בעסער פאר מיר, ברודער, און איך וועל זיך מיט דיר ניט מתוכח זיין, זאל דיא האק פערזאָמט ווערען און דער בוים זאָל אויביג בליהען, נאר פאר אונז האט מען׳ אָנגעגרייט מעסערס, אפרים האט זיי אליין געזעהן מיט זיינע אויגען.

און ער האָט דעם שוועסטער־קינד דערצעהלט אלעס, וואס אפרים האָט געזעהן און געהערט אויפ'ן יריד.

יעקב יוסף האט אויסגעהערט דיא ערצעהלונג און האָט א וואָרט ניט ארויס־גערעדט. זיין געזיכט האט אויסגעדריקט, אז ביי איהם אין הארצען איז ניט רוהיג; נאר זיינע אויגען האבען געקוקט ווייט, פונקט וויא ער וואָלט דאָרטען עפּעס גע־לייענט און איבערלעגט ביי זיך אין קאָפּ.

אלע האבען געשוויגען, מען האט נאר געהערט, וויא דיא פערד האבען גע־קייעט האבער און עפּעס א פויגעל האט אויף יענעם זייט געטרילערט.

— עס קען ניט זיין! האט ער פלוצים איבערגעריסען זיין שטילקייט. דיא דיא קייזערינע פון מאָסקווע וועט אזא זאך ניט טהאָן, ניט דיא פויערים דארף זיא האבען, זאנדערן דיא פריצים, און דיא פריצים האט זיא געשיקט ניט קיין אייזען, זאָנדערן גאָלד, דאס גאָלד איז פאר אונז אין פוייען פיעל ערגער אלס אייזען ...... באלד ווערט פון פוילען גאר ניט — דאס זעה איך ארויס, און מיר אידען וועלען באלד האבען א נייען יאָך, דעם יאָך פון מאָסקווע.

ער האט זיך ווייטער פערקלערט.

— און וואס איז מכח דיא פויערים מיט דיא מעסערס? האט יצחק געפרעגט.

יעקב יוסף האט ערוואכט פון זיין פערטראכטקייט און האט א קוק געטהאָן אויפ'ן שוועסטער־קינד, זיינע אויגען האבען געפונקעלט פון בעגייסטערונג.

— דיא פויערים מיט זייערע מעסערס? הערט, ווער עס האט אויערן. מיין

גרויסער רבי, זכרונו לברכה, האט דאס מיר מגלה געווען פאר זיין פטירה, דאס וואס ער האט מיר געזאגט, געפינט זיך ניט אין אונזערע הייליגע ספרים און פון דעם ווייסען מעהר ניט וויא דיא ידוע חן, א מאל ווען משה רבנו האט מיט אונזער פאלק ארומגעוואנדערט איבער'ן מדבר און ער האט זיך געפונען מחוץ למחנה און מתפלל געווען פאר'ן פאלק ישראל, פאר זיין צוקונפט, פאר זיינע קומענדע דורות האט ער פלוצים דערהערט א לייבטע: נאר א פלינקען פליהען פון א פויגעל, ער האט זיך ארומגעקוקט און האט דערזעהן, אז א ווילד טייבעלע לויפט צו איהם אין טוידט־שרעק און נאך איהר יאגט זיך א בלוט־דורשטיגער שפארבער. דאס ארימע פויגעלע האט געבעטען רחמים ביים גרויסען אידישען מאן, ער זאל איהר בעשיצען פון דעם שונא דעם נאביאגער, כאטשע דאס טייבעלע האט ניט גערעדט מיט א מענשליכען קול, נאר פאר'ן געטליכען מאן איז געווען אלעם ענטפלעקט, אי דאס וואס איז אויפ'ן הימעל, און דאס וואס איז אויף דער ערד, און דאס וואס איז אין דער ערד און אין דעם אבגרונד פון ים, ער האט געוואוסט דעם לשון פון דער זון, פון דער לבנה און פון דיא שטערן, דאס מורמלען פון טייך, דער רעש'ענדען דבור פון ים, דאס איידעלע סוד'ן זיך פון דיא בלעטעלאך און גרעזעלאך און דאס קלעגליכע ברוקען פון דער טייבעלע. מיט איהם האבען גערעדט בערג און טהאלען, ער האט געפיהרט א ויכוח מיט דיא בייזע דונערען און בליצען, ער האט פערשטאנען דיא שפראך פון דער גאנצער וועלט און ער האט אויך פערשטאנען, וואס דאס טייבעלע האט פון איהם געבעטען, ער האט איהר צוגעדעקט מיט זיין בגד: ער האט געוואוסט, אז ביי איהר אין נעסט האט זיא איבערגעלאזט קליינינקע עופ'עלאך און איהן א מאמען וועלען זיי אלע געהן לאבוד, פלוצים האט זיך בעוויזען דער שפארבער, דער בלוט־דורשטיגער פויגעל האט געזעהן, אז דער הייליגער מאן האט צוגעדעקט מיט'ן בגד דאס טייבעלע און דאס טייבעלע געהערט צו איהם צום שפארבער, און דער שפארבער האט זיך געוועוודעט מיט א ריכטיגע טענה צו משה'ן:

— „דוא אויסערוועהלטער פון אלקים חיים, דוא גרויסער צדיק, דוא ווייסט, אז דער בעשעפער פון דער וועלט, וואס האט בעשאפען אויך מיך און דיך, האט מיט זיין חכמה איינגעטהיילט, אז איך און מיינע עופעלאך זאלען האבען אלס שפייז דיא שוואכערע ברואים: דאס טייבעל, דיא שוואלב און נאך אזעלכע שוואכע ברואים. דיא דאזיגע טייבעלע איז מיין רויב, מיין עסען און מיינע קינדערס עסען, אזוי וויא שעפסען אין ציעגען פון דיינע סטאדעס און פון דיא סטאדעס פון דיין

פאָלק זיינען דיין שפייז און דיא שפייז פון דיין פאָלק, פאר וואס זאָלסטו פון מיר און פון מיינע הונגעריגע עופעלאך אוועקרייבען אונזער ביסען. איצט וועלען זיי אויסגעהן פאר הונגער.“

— משה האט געזעהן, אז דער פלינעלדיגער רויבער איז גערעכט און ער האָט רחמנות געקריגען אויף דיא אונשולדיגע פויגעלאך זיינע, נאר צו דערזועלבער צייט האט איהם דאס הארץ געריסען אויף דיא בידנע טייבעלע און איהרע עופעלאך. וואס טהוט מען? וואס פאר אן עצה גיט מען זיך? איז שוין דער סדר העולם, אז איינער לעבט אויפ׳ן חשבון פון דעם צווייטען, ווען ער דער גרויסער מאן וואָלט ניט גענומען דיא וואָל פון דיא שעפּסען און ציגען פון זיין סטאדע, וואָלט ער ניט געהאט אפילו דעם בגד, מיט וואס צו צודעקען זיין נאקעטקייט און דאס צו־ שראָקענע טייבעלע. „דוא גרויסער גאָט, האט זיך משה געווענדעט צום רבונו של עולם דוא וואס דוא האסט דיין פאָלק ישראל ארויסגעצויגען פון פרעה׳ם הענד, גיב מיר אריין שכל, וואס איך זאָל דא טהאָן.“

יעקב יוסף איז אנטשוויגען געוואָרען, זיינע אויגען האבען געברענט מיט בעד־ גייסטערונג. עס האט געשיינט, אז ער איז ווירקליך מיט עטליכע קעפּ אויסגע־ וואקסען העכער פון דיא אלע ארומיגע, יצחק, אפרים און דער בעל העגלה זיינען געוועזען טיעף גערירט.

א פויגעל האט אויף יענער זייט טייך זיך צוגאסען אין זינגען און ער האט ניט בעמערקט אז אין דער הויך דרעהט זיך ארום א רויב פויגעל. דיא פערד האבען געקייעט דעם האָבער, וואס דער אלמעכטיגער האט זיי אָבגעטהיילט פאר זייער שפייז און מיט דיא עקען האבען זיי געטריבען דיא בייסיגע פליגען, וואס האבען אויך נאר געפאָדערט זייער שפייז — דאס ווארימע בלוט פון דיא פערד.

— נו, און וואס איז געווען? האט יצחק ענדליך ניט אויסגעהאלטען, זעהענ־ דיג, אז זיין שוועסטער־קינד שווייגט, האט דער אויבערסטער געענטפערט זיין בקשה?

— דער אויבערסטער האט איהם געענטפערט, האט יעקב יוסף געזאָגט או איז ווייטער געבליבען שטיל.

— נו, וויא?

— אָט וויא אזוי, האט יעקב יוסף געענטפערט, ציהענדיג דיא ווערטער זעהר לאנגזאם, משה האט גענומען אין האנד דאס מעסער, וואס איז איהם געהאנגען ביי דער זייט, האט פערקאסערט דיא פאָלע פון זיין בגד און האט פון זיין רעכטען

דיך אויסגעשניטען א שטיק אייגענע לייב און דערלאנגענדיג עס דעם שפּארבער האט ער געזאָגט:

נא, פויגעל, נעהם דאס פלייש און טראָג עס אוועק פאר דיינע קינדערלאך: זאָלען זיי ניט זיין הונגעריג. און דאס טייבעלע האט ער אָבגעלאָזט, זיא זאל פליהען אין איהר נעסט צו איהרע קינדערלאך."

— און פערבינדענדיג זיין וואונד מיט א שטיקעל פון זיין אונטערסלייד, האט זיך משה אומגעקעהרט צוריק אין דער מחנה.

6טעם קאפּיטעל

והיה באחרית הימים.

דעם רבי'ס ערצעהלונג האט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף זיינע צוהערער. א נייע ווארהייט האט אויף זיי א שיין געטהאָן, נאר צו דערוועלבער צייט האט זיא א שנים געטהאָן אין הארצען. דער בלוט־דורשטיגער שפּארבער וועיזט זיך ארויס גערעכט און זיינע תּביעות סען מען ניט אָבשלאָגען. אזוי איז שוין דער סדר העולם, אזוי איז דער געזעץ פון לעבען — אן אונערבארעמליכער געזעץ.

— דאס איז אבער שרעקליך! האט דער אלטער קאָהען געזאָגט.

ער האט גוט פערשטאנען, אז דא ליגט א טיעפער מיין אין דער ערצעהלונג.

— ווער איז דאס טייבעלע? האט ער ווייטער געפרעגט, דא זיינען מיר, וואס ווערען פערפאָלגט? דיא אידען?

— ניין, היינטיגעס מאָל זיינען מיר ניט דאס טייבעלע, האט יעקב יוסף געענטפערט. דאס טייבעלע פון דעם מדבר איז היינטיגעס מאָל פּוילען.

— ווער זיינען מיר, אידען? האט קאָהען געפרעגט.

— מיר זיינען עצם מעצמיו פון יענעם, וואס האט אויסגעשניטען א שטיק פלייש פון זיין אייגענעם לייב, כדי אנצוקאָרמענען דיא הונגעריגע שפּארבעלאך, האט דער רבי געענטפערט, שוין טויזענדער יאָהרען, וויא מיר קארמענען מיט אונזער פלייש דיא הונגעריגע שפּארבערס פון דער גאנצער וועלט, — און אין דעם בעשטעהט דיא גרעסטע מיסיאָן פון דעם אידישען פאָלק אויף דער ערד.

— וואס מאכט דיין לאה?

— געזונד, גאָט צו דאנקען, נאר דיא יאהרען לאזען זיך פיהלען.

— און רחל? איהר איז שוין צייט באלד חתונה צו האבען.

— זאל זיא נאך דערווייל זיך שפּי'לען. נאר מיר האבען זיך אזוי פערערדט־

אז מיר האבען פערגעסען דיך מכבד צו זיין מיט עפּעס. דערלאנג אפרים אהער, וואס דוא האסט דארטען.

— אזוי זאגסטו, אז אונז וועט אויסקומען אויסצושניידען א שטיק פלייש פון אונזער לייב, כדי צו פערשטאפּען דעם מויל דעם רויבער, וואס יאגט נאך דאס טייבעלע, האט דער אלטער קאהען געזאגט מיט א שמייכעל, דערלאנגענדיג א געבראטענע הוהן דעם שוועסטער־קינד.

— יא, מיר וועלען זיך דערפון ניט אויסקויפען.

— דאס טייבעלע איז פוילען? האט אפרים געפרעגט.

— זיא איז אונזער צווייטע היים.

— און מיט אונזער פלייש וועלען מיר איהר אבראטעווען פון דעם שפּארבער? האט קאהען פון זיין זייט געפרעגט.

— אך, איך האב מורא אז ניט: איהר בעפאלען דריי שפּארבערס אדער ריכטיגער געזאגט, דריי אדלערס און זיי וועלען ניט נעהמען דאס פלייש פון אונזער לייב, אדלערס זיינען צו שטאלץ, אז זיי זאלען עסען אידישע פלייש: זיי וועלען צורייסען דאס טייבעלע אליין, האט דער רבי געענטפערט.

— דיא אדלערס וועלען אונז ניט טשעפּען? האט אפרים געפרעגט:

— ניין, יענע גרויזאמע צייטען זיינען שוין אוועק, ווען א מלוכה איז בעפאלען איהרע איינענע פריעדליכע אינטערטהאנען, באטשע דיא אונטערטהאנען זיינען אידען, איצט קענען אזעלכע זאכען טהאן נאר האלעדריגעס און מערדער.

— נו, מיט דיא האלעדריגעס וועלען זיך שוין דיא קאנפעדעראטען ספּראווען, האט דער אלטער קאהען בעמערקט.

— און אונזערע קאזאקען? האט אפרים געזאגט. איין נאנטא וויא פיעל איז ווערט! ער קען זיי געבען פעפער שמעקען.

ווען דיא היץ איז אביסעל אראב, האבען דיא רייזענדע אלע צוזאמען גע־לאזט פאהרען נאך אומאן.

7טעס קאפּיטעל.

אין גרעקאוו'ס וואלד.

אין אומאן האט דערוויל פּאסירט עפּעס, וואס האט אנפאנגס ניט צוגע־צויגען קיינעמס אויפמערקזאמקייט, נאר שפּעטער, איז מען געוואר געווארען דיא ישרעקליכע בעדייטונג דערפון.

עס איז געווען א זונטאג. רחל האט בעשלאָסען צו מאכען א שפאציר אין גרעקאָוו'ס וואלד, אנצורייסען פעלד־בלומען. אין שטוב גלייך נאך אפרים'ס קומען איז געוואָרען עפעס אומעדיג, אלע האָבען גערעדט עפעס אין דער שטיל, און האָבען זיך גע'סוד'עט. אויסער דעם איז דער פאָטער מיט אפרים'ן אוועקגעפאָהרען צום פעטער יעקב יוסף, און דיא מאמע האט ניט אויפגעהערט צו זיפצען און צו קרעכצען. געוויס האט אפרים געבראכט א שלעכטע ידיעה, מסתמא האט א פריץ ניט געוואָלט אבצאָהלען א חוב, אָדער ער איז גאר געשטאָרבען און האט קיין געלד ניט איבערגעלאָזט. איהר האָבען אזעלכע זאכען ניט געאַרט.

— אלץ געלד, און געלד, האט זיא געטראכט, וויא ווערט עס ניט דערעסען! דער טאטע איז אין אומאן רייכער פון אלע אידען, בעסער דורכגעהן זיך אין וואלד.

זיא האט בעשלאָסען צו נעהמען מיט זיך אין וואלד שרה'קען און מירלען און איצט האט מען נאך געדארפט פועל'ן ביים ברודער מאשע, ער זאָל מיט זיי מיטגעהן, ווייל מיידלאך אליין טאָרען אין וואלד ניט געהן.

רחל איז אַרוים זוכען דעם ברודער, אויפ'ן הויף האט זיא דערזעהן, וויא שרה'קע שפּיעלט זיך מיט'ן הונד, גלית.

— וואו איז מאשע? האט זיא איהר געפרעגט.

— ער איז אין קראָם.

— און דיא מאמע?

— אויך אין קראָם.

— אלע אין קראָם! דוא ווייסט, שרה'לע, מיר וועלען געהן אין קראָם בעטען דיא מאמען זיא זאָל לאָזען מאשען געהן מיט אונז אין וואלד.

— דוא ביזט א חכמה, רחל'ע! מיר לויפען שוין.

— מירלען וועלען מיר אויך נעהמען מיט זיך.

— מירלען אויך, און גלית'ן אויך. גלית! קום, מיר וועלען געהן אין וואלד און רייסען קוועטקעס און קייקלען זיך אויפ'ן גראז און דוא וועסט א העזיל באפען.

דיא שוועסטער זיינען אוועק אין קראָם, גלית איז געווען צופריעדען מיט דער איינלאדונג און איז זיי נאָכגעגאנגען.

דיא אלטע לאה איז געזעסען אין קראָם און געשטריקט א זאָק, און מאשע איז געזעסען ביים שוועל און האט אריינגעקוקט אין א ספר.

— מאמע, האט רחל געזאָגט, אריינגעהענדיג אין קראָם, לאָז מאָשען געהן מיט אונז.

— וואוהין קלייבט איהר זיך דאס צו געהן? האט לאה געפרעגט, פאָרטזעצענדיג איהר ארבייט.

— אין וואלד אָנרייסען בלומען.

— און איך וועל דיר אָנקלויבען שוועמלאך, האט שרה׳קע פון איהר זייט צוגעגעבען.

— מוכאָמאָרעס, האט לאה געענטפערט מיט א שמייכעל, דוא האסט מיר שוין איין מאָל שיער ניט מכבד געווען מיט מוכאָמאָרעס.

— אָה, איצט וויים איך שוין, האט זיך שרה׳קע פערענטפערט.

— איך מוז זיך דורכגעהן, דער קאָפּ טהוט מיר שוין וויה, מיר וועלען מירלען אויך נעהמען מיט זיך, האט רחל ווייטער געזאָגט.

— און גלית׳ן אויך, האט שרה׳קע צוגעגעבען.

לאה האט קיין חשק געהאט צו לאָזען געהן דיא קינדער אין וואלד, נאָר ווען רחל האט געזאָגט, אז דער קאָפּ טהוט איהר וויה, האט זיא נאכגעגעבען און געזאָגט.

— אבער בלייבט דאָרטען ניט שפּעט, דיא בהמות געהענדיג פון פעלד קענען נאך חס ושלום ווערען א שטאָך טהאָן, אויך איז מען מיט דיא שקצים ניט זיכער.

— און וואס וועט זאָגען גלית? האט שרה׳קע געענטפערט, ער וועט שוין וויסען, וואס צו טהאָן מיט דיא פלשתים.

— אָט איז מירעל! האט רחל אויסגעשריען פרייליך, מען וואָלט דערמאָנען משיח׳ן וואָלט ער אויך געקומען.

צום קראָם איז צוגעקומען א הויכע מיידעל, אלט א יאָהר זיבעצען, מיט גאָלד־פארבינע האָר, מיט שעהנע שווארצע אויגען און געדיכטע שווארצע ברעמען. מאָשעס רוהיגעס געזיכט איז פּלוצים ליכטיג געוואָרען. ער האט זיך אויפגעהויבען און געשטעלט אין א ווינקעל.

— מירל, האט זיך רחל צו איהר געווענדט, מיר געהען אין וואלד, וועסט דוא מיטגעהן?

— ווער געהט? האט מירל גייפרעגט און געוואָרפען א בליק אויף מאָשען.

— איך, שרה׳קע און מאָשע, האט רחל געענטפערט.

— און נכית אויך.

— גוט, האט מירל איינגעוויליגט. איך וועל נאר אריבערלויפען אהיים און זאגען דער מאמען, אז איך געה מיט אייך.

אין דער מינוט האט זיך דערהערט א קראָ־קראָ פון קראָעס און א גאנצע מחנה פויגלאך האט זיך אנגעהויבען דרייהען אין דער קופט איבער'ן ראָטויז. לאה האט מיט שרעק א קוק געטהאָן אהין.

אָה, רבונו של עולם, האט זיא א קרעכץ געטהאָן. האב אויף אונז רחמנות.

— וואָס איז מאָשע? האט שרה'קע געפרעגט.

— דיא קראָעס האָבען מסתמא געשפעגט דעם גאידאמאק'ס פגר און עמי־צער האט זיי צושראָקען, דער רויבער איז ערסט נעכטען גע'פגר'ט.

— דאס איז שרעקליך! האט רחל געזאָגט מיט א ציטער; איך וועל שוין מעהר קיין מאָל ניט געהן זעהן אזעלכע שרעקען.

— איך וואָלט וועלען וויסען, צו דיא ליולקע שטעקט נאך ביי איהם אין מויל, האט שרה'קע געזאָגט.

— אָך, שרה'קע, רייד ניט אזעלכע ווערטער, האט דיא מוטער געזאָגט.

— אָט לאָזען זיך דיא קראָעס ווידער אראָב! האט שרה'קע געוויזען מיט'ן פיננער.

— הער אויף, זאָג איך דיר, האט דיא מוטער ווייטער געזאָגט.

— וואָס איז, א טוידטער איז ניט שרעקליך, האט זיך שרה'קע פערענטפערט, האב איך דען מורא פאר א טוידטע קוה, אדער פאר א געקוילעטען שעפס? פאר וואָס זאָל איך מורא האבען פאר א טוידטען מענשען?

— פאר וואָס דוא ביזט א נאר, האט איהר מאָשע געענטפערט.

— און דוא ביזט א גרויסער חכם!

דערוויל איז מירל אָנגעקומען און דיא קאָמפּאניע איז ארויס אין וועג.

ביים ארייננאנג אין וואלד האָבען זיי געטראָפען א ים מיט בלומען. דאס גראָז איז געוועז רייך, אלעס האט געבליהט און געשמעקט, און שטעהענדיג איצט דא, ווער האט עס געקענט פאראויס זעהן, אז ניט מעהר וויא א פיער אָדער פינף וואָכען, וועט דאס גאַנצע גרינס ווערען פערגאָסען מיט בלוט, פערוואָרפען מיט מענשליכע קערפּערס! ...... ווער האט זיך געקענט ריכטען, אז דא אויף דיזען פלאץ וועט זיך אָבשפּיגלען א שרעקליכע הריגה, אז דאס רייכע פעלד אין וואלד־ וועלען אין פערלויף פון עטליכע טעג פערשטויבט ווערען פון דיא פערצווייפעלטע

געשרייען פון דיא אויסגעשלאכטעטע, פון דיא קרעכצען פון דיא שטארבענדע און פון דיא קולות פון דיא מערדער?

פלוצים האט זיך דערהערט א פערצווייפעלטער געשריי פון א קינד.

— וואס איז דאס? ווער שרייט דאס? האבען דיא מיידלאך געפרעגט איינע ביי דער צווייטער מיט שרעק.

דער געשריי האט זיך דערהערט צום צווייטען מאל נאך מעהר פערצווייפעלט, גלית האט זיך א ווארף געטהאן צו יענעם פלאץ, וואו דער קול האט זיך דער־הערט, און מאשע האט זיך געלאזט לויפען נאך איהם.

— מאשע! מאשע! לויף ניט אוועק פון אונז! האבען דיא מיידלאך געשריען.

8טעס קאפיטעל.

דער בלינדער בעטלער.

אין עטליכע מינוט שפעטער האט זיך דערהערט מאשעס קול:

— האט קיין מורא ניט! קומט אהער!

גלית האט ניט אויפגעהערט צו בילען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מאשע האט איהם אבגעהאלטען.

דיא מיידלאך האבען זיך געלאזט געהן נאכ'ן קול און זיי האבען אונטער א געדיכטען בוים באלד דערזעהן א בלינדען בעטלער, מיט א באנדורע אין האנד און נעבען איהם אויפ'ן גראז איז געזעסען א עלף יאהריגער איינגעל און האט גע־וויינט אין דער הויך, נעבען איהם איז געזעסען מאשע און האט בעקוקט זיין פוס.

— וואס איז געשעהן? האט רחל געפרעגט.

— אך, גוטע פאנינקע, האט דער בלינדער געזאגט מיט רחמנות'דיגע מינע, א גיפטיגע שלאנג האט א ביס געטהאן מיין איינגעל.

דיא מיידלאך זיינען צוגעקומען נעהענטער.

— פון וואנען ווייסטו, אז דאס איז געווען א גיפטיגע שלאנג? האט רחל געפרעגט.

— אך, גוטע פאנינקע, מיין איינגעל האט איהר געזעהן.

דאס איינגעל האט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען און צו וויינען.

— נארעלע, ווארט שריי ניט, האט מאשע גערעדט צום איינגעל; איך וועל דיר אויסהיילען.

מאשע האט פון קעשענע ארויסגענומען א מעסערל, נאר וויא ער האט

געפּעגט דעם קליינגעל האט דאס אינגעל ניט מיט זיינע כחות גענומען שרייען.

— אוי, אוי, אוי! ער וויל מיך קוילען.

— האלט איהם צו, האט מאשע געזאגט צו רחלען. איך וועל מיט איהם טהאן דאס זעלבע, וואס חם האט א מאל געטהאן מיט מיר.

רחל און מרים האבען צוגעהאלטען דעם וויינעדיגען אינגעל און מאשע האט מיט'ן מעסערל טיעפער איינגעשניטען דעם פלאץ, וואו דער שלאנג האט דעם ביס געטהאן און האט מיט'ן מויל גענומען אויסזויגען דעם גיפט און בלוט, ער האט עטליכע מאל אויסגעשפּיעט, גלית האט ניט אויפגעהערט צו קוקען קרום אויפ'ן בלינדען בעטלער און האט פון צייט צו צייט א בול געטהאן, נאר ער איז אויך פעראינטערעסירט געווארען אין דער אפעראציע און האט ניט פערשטאנען, וואס זיין בעל הבית וויים זיך ניט וויא צו בייסען.

דער בלינדער איז געשטאנען אויף איין ארט און האט געקרעכצט:

— אהה, גאט, גאט!

ענדליך האט מאשע זיין אפעראציע געענדיגט, ער האט דיא וואונד איבער־געבונדען מיט א טיכעל און דאס אינגעל האט זיך בערוהיגט.

— איצט, הויב זיך אויף, האט מאשע צו איהם געזאגט.

דאס אינגעל האט זיך אויפגעהויבען, און האט זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן קראנקען פוס. ער האט א געשריי געטהאן איז און צוריק אנידערגעפאלען אויפ'ן גראז.

— אוי, מאמא, מאמא! עס טהוט וויה, האט דאס אינגעל געוויינט.

— וואס וועל איך איצט טהאן? האט דער בלינדער געקלאגט. מיר וועט דאך דא אויסקומען צו שטארבען.

— וואוהין געהט איהר? האט מאשע געפרעגט.

— אין אומאן; גוטער פריץ'ל.

— וועלען מיר אייך פיהרען.

— און מיין אינגעל? ער קען דאך א פוס ניט שטעלען.

— איך וועל איהם טראגען.

— אהה, פריצ'ל, פריצ'ל! וויא גוט איהר זייט! איך וועל פאר אייך אויביג גאט בעטען.

— פאר'ן אינגעל זאלסטו ניט זארגען, האט מאשע געזאגט. מיין מאמע האט

אַזאַ זאַלב און זיא וועט איהם גלייך אויסהיילען, מיר האט זיא אויך אויסגעהייכט פון א בים פון א שלאנג.

דיא זון האט זיך שוין גענומען דערווייל אראבלאזען און עס איז געווען צייט אומצוקעהרען זיך אהיים.

— איצט קינדער, בלומען האט איהר אנגעריסען און איך האב א איינגעל געפונען ווע̇לען מיר געהן אהיים, האט מאשע געזאגט. נו, איינגעל, קום איך וועל דיר נעהמען אויפ'ן פלייצע.

מיט דיא ווערטער האט ער דאס איינגעל ארויפגעזעצט צו זיך אויפ'ן פלייצע.

— האלט מיר שטייף ארום האלז.

דאס איינגעל האט איהם געפאלגט און האט זיך געמאטערט ניט צו וויינען.

— דאס איז א הינטיש מזל, חאט דער בלינדער געשאקעלט מיט'ן קאפ. פריצים טראגען איהם גאר אויף דיא הענד. אט וואס מיר האבען דערלעבט, פריצים זאלען זיך מיט אונז ארומטראגען.

ביי דיזע ווערטער האט זיך ביים בלינדען געוויזען אזא שמייכעלע, אז ווען עמיצער וואלט עס בעמערקט, וואלט ער זיך פערטראכט אויף דיא בעדייטונג פון דעם. באטשע ער איז געווען איינגעוויקעלט אין טראנטעס און ארומגענומען מיט טארבעס האט ער געשיינט צו זיין וויים ניט קיין אלטער.

— דוא האלט דיין האנד ביי מיר אויפ'ן פלייצע, און איך וועל זיין דיין פיהרער, האט מאשע געזאגט צום בלינדען.

— אה, גאט, וואס מיר האבען דערלעבט, האט דער אלטער בעטלער גע־זאגט מיט התפעלות, פריצים זיינען פיהרער ביי בעטלער.

זיי האבען זיך געלאזט געהן צו דער שטאדט; דיא מיידלאך זיינען געגאנגען פאראויס און נאך זיי מאשע מיט'ן בלינדען. גלית איז פון בעל הבית ניט אבגע־טראטען, ער האט זיך איצט ניט ארומגעיאגט נאך פויגעלאך. ער האט זיך גע־האלטען ערנסט און האט פון צייט צו צייט געווארפען א חשד־בליק אויפ'ן בלינדען.

— פון וואנען נעהט איהר? האט מאשע געפרעגט.

— פון א דערפיל ניט וויים, פריץ'ל.

— וואס הערט מען עפעס ביי אייך?

— וואס מיינט איהר, פריץ'ל?

— וועגען דיא גאידאמאקעס הערט מען גאר ניט?

— וואס קען מען הערען פון זיי? ניט לאנג האט אייער גאנטא זיי געגעבען אזא כבוד, אז זיי וועלען האבען דאס צו געדענקען אויף לאנג.

— אמת, איינעם פון זיי האט מען נעכטען ארויפגעזעצט אויפ׳ן פלאקען.

— טאקע ארויפגעזעצט? האט דער אלטער געפרעגט מיט א משוגה׳דיג קול.

— יא.

— וועלכען האט מען ארויפגעזעצט, פריץ׳ל?

— א מאדנעם נאמען האט ער — ראזבי גלעק.

— ראזבי גלעק? האט דער אלטער בעטלער איבערגעפרעגט און האט א שוידער געטהאן. און מען האט איהם ארויפגעזעצט?

— ער האט זיך אלי געזעצט.

— אכיין! אך, גאט!

— און האט א לוקע פערוויכערט אויפ׳ן פלאקען.

— א יונג מיט ביינער, כארקא! האט זיך ארויסגעריסען ביים אלטען בעטלער.

— וואס איז, דוא האסט איהם געקענט? האט זיך מאשע פערוואונדערט.

— ניין פריץ׳ל, האט זיך דער בלינדער פערכאפט, איך האב געהערט, מענשען האבען פון איהם גערעדט, ער איז געווען א שרעקליכער רויבער.

ביידע זיינען אנשוויגען געווארען, מאשע האט געפיהלט, אז דעם בלינדענס האנד ציטערט, פון דערוויטענס האט זיך שוין דערזעהן דיא שטאדט.

— דער פריץ׳ל האט זיך שוין אודאי פערמאטערט, האט דער בלינדער געזאגט. ניט איהם מיר איבער, דיא הענד זיינען מיר געזונדע, נאר דיא אויגען האט ביי מיר דער אויבערסטער צוגענומען.

— איך בין ניט פערמאטערט, האט מאשע געענטפערט.

— וואס הייסט ניט פערמאטערט, גיט מיר פריץ׳ל מיין אינגעל און איך וועל איהם נעהמען אויף דיא הענד, עס וועט נאך זיין א שמאך און א שאנדע, מען וועט אין שטאדט זאגען, אז א פריץ האט זיך ארומגעטראגען מיט א היני־טיש קינד.

מאשע האט ענדליך געמוזט נאכגעבען, נאר ווען ער האט דעם בלינדען איבערגעגעבען דאס אינגעל האט פאסירט עטוואס אונערווארטעטס.

נכית, וואס האט זיך אבגעשטעלט גלייך מיט אלעמען, האט געהאלטען זיינע אויגען אויסגעשטעלט אויפ׳ן בלינדען און האט זיך מיט א שרעקליכען וואוט א

וואָרף געטהאָן אויף איהם און האט זיינע ציינער אריינגעלאָזט אין איהם. דער קלוגער הונד, וואס האט דיא גאנצע צייט חושד געוועזן, אז מיט דעם בלינדען, איז ניט קיין גלאטע מעשה, האט איצט דערזעהן, אז דער כלומר'שדיגער בלינדער איז גאר ניט בלינד. גלית האט געכאפט דיא פאלשקייט ווען ער האט בעגעגנט דעם בעטלערס ביטערען בליק, וואס ער האט אויף איהם א וואָרף געטהאָן, ווען ער האט איבערגענומען דאס איינגעל פון מאָשען. דער בעטלער האט גלייך פערשטאנען וואס דא איז געשעהן, נאר ער האט זיך גלייך בעדענקט, אז דער הונד וועט איהם ניט ארויסגעבען — ער קען ניט ריידען. מיט מאטערנים האט מען קוים אבגעשלעפט דעם הונד פון בעטלער. נאר דעם אמת'ן זינן פון דעם פלעצליכען אָנפאל האט קיינער ניט געקענט פערשטעהן: דעם בלינדענס געהיימנים איז פאר זיי געבליבען א געהיימנים.

מיט א שטארקע האנד האט ער דאס איינגעל איבערגענומען צו זיך, וויא ער וואָלט א פעדערל אויפגעהויבען און האט רעטזעכהאפט א שמייכעל געטהאָן.

— דער הונד מיינט, אז איך האב דאס איינגעל פון אייך מיט גוואלד צוגענומען און וויל צורייסען דעם רויבער.

אין שטאָדט זיינען זיי אָנגעקומען, ווען עס איז שוין געוואָרען פינסטערלאך.

— וואס וועט איצט זיין מיט'ן איינגעל? האט דער בלינדער געפרעגט. און ווער וועט מיך צופיהרען צו איינגאטען?

— וועלכער איינגאט? האט משה געפרעגט.

— דער רייכער איינגאט — ער קען מיך און וועט מיך לאָזען איבערנעכטיגען ביי זיך, האט דער בלינדער געזאָגט.

— אָה! דער רייכער איינגאט! ער איז שוין לאנג א וואָיט.

— איהם מיין איך טאקע.—

— צום וואָיט וועל איך דיר צופיהרען, ער וואוינט ניט וויט פון אונז.

— א דאנק דעם גוטען פריץ'ל, און וואס וועט זיין מיט'ן איינגעל?

— דאס איינגעל וועט ביי אונז איבערנעכטיגען: דיא מאמע וועט איהם דערוויל אויסהיילען.

— און דערפאר וועסטו אונז זינגען דעם „קלאָג פון פערשקלאפטען“ דיא מאמע און מיר האבען דאס זעהר ליעב צו הערען.

גוט, ליעבע פאנענקעלע.

באלד זיינען זיי אלע אנגעקומען פאר קאָהען'ס קראָם. דיא אלטע לאה איז געזעסען מיט עטליכע שכנות אויפ'ן גאנעק.

דערזעהענדיג דיא קינדער מיט א בלינדען בעטלער, האט זיך לאה אנפאנגס דערשראָקען, צו איז עפּעס ניט געשעהן איהרע טיידלאך. נאר שרה'קע איז פרייליך צוגעלאָפען צו איהר און אויסגעשריען:

— אך, מאמע! דער בלינדער האט אונז צוגעזאָגט צו זינגען א קלאָג פון פערשקלאַפטען.

— וואס איז דער מעהר מיט'ן אינגעל?

— א שלאנג האט איהם א ביס געטהאן און מאשע האט איהם געזאָגט, אז דוא וועסט איהם אויסהיילען.

— דער בלינדער האט זיך טיעף פערנייגט.

לאה איז געווען א גוטע פרוי און זיא האט זיך גלייך אויפגעהויבען און פון קראָם ארויסגעטראָגען עפּעס א זאלב, וואס נאר זיא אליין האט געוואוסט וויא צו מאכען איהם, רחל'ן האט זיא געהייסען ברענגען פון קיך ווארעמע וואסער און מיט דער היקף פון דער דיענסט האט זיא דעם אינגעל ארומגעוואשען דיא פוס, בעשמירט מיט'ן זאלב און פערבינדען מיט א טיכעל.

— מאָרגען וועסטו שוין קענען געהן. האט לאה צו איהם געזאָגט. האסטו א מאמע?

— ניין, ער איז א יתום, אהן א טאטען און אָהן א מאמען, האט דער בלינדער געענטפערט פאר איהם.

— ער וועט ביי אונז נעכטיגען, האט שרה'קע געזאָגט, און דעם בעטלער וועט מאשע אָבפיהרען צום וואַים.

— זאל זיין אַזוי, האט דיא אלטע לאה איינגעשטימט.

— איצט, זיידע, זינגט אונז דאס ליעד, וואס דוא האסט אונז צוגייזאָגט, האָט זיך שרה'קע צו איהם געווענדט.

— גוט, גוט, פאַנענקעלע, נאַר איך דארף פריהער דורכנעצען דעם האלז.

— מיט וואס? האט שרה'קע געפרעגט נאאיוו.

— מיט וואס, גוטע פאַנענקעלע? מיט'ן וואסער פון יענע קערנעצע, וואס שטעהט אין א פלעשיל אויף דער פאָליצע.

— אָה, בראנפען, מיינסטו! זאל איך ברענגען, מאמע?

— ברייננ.

אין איין אויגענבליק איז שרה'קע געווען אין קראָם און ארויסגעטראָגען א פלעשעל בראנפען. זיא האט איהם אליין אָנגעגאָסען א גרויסע גלאָז און ער האָט גלייך אויסגעטרונקען.

— א, גוטער בראנפען! איצט וועל איך אייך אָבצאָהלען מיט מיין באנדורע.

דער בלינדער בעטלער האט אונטערגעלעגט אונטער זיך דיא פיס אויפ'ן טערקישען אופן און גענומען זינגען דאס „ליעד פון דעם פערשקלאפטען" און בעגלייטען זיך פון דער באָנדורע, ארום איהם האבען זיך ארומגעקליבען א מחנה ווייבער און מיידלאך און האבען פערשטעלט א האלבע גאס.

דאס ליעד איז געווען א קלאָג־ליעד און האט דערצעהלט פון דיא גרוילען, וואס דיא געפאנגענע קריסטען ליידען זיך אויס אין טירקיי. אלע צוהערער האבען געוויינט מיט ביטערע טרערען, לאה האט אויך געוויינט, נאר זיא האט געזעהען נאר אנדערע בילדער. זיא האט געזעהן, וויא דיא בני ישראל האבען געקנאָטען ליים אין מצרים, און וויא מען האט זייערע נאַקעטע לייבער געשמיסען מיט בייטשען ויאנחו און זיי האבען געקרעכצט פון דער עבודת פרך:

ווערענד דער בעטלער האט געזונגען זיינען אָנגעפאהרען צווייא רייטער, א קאוועליער און א דאמע.

— זייט פאָרזיכטיג, האט דיא דאמע געזאָגט, איהר קענט נאך ווענען איבערפאָהרען.

— ווער איז זיא? האט דער בעטלער געפרעגט.

— דעם גובערנאטאָר'ס טאָכטער, האבען געענטפערט דיא דערביישטעהענדע.

9טעס קאפיטעל.

דיא גאַידאַמאַקעס בושעווען.

וואס איז פאָרגעקומען נאָכדעם, ווען אפרים קאָהען איז אויפ'ן לעבעדינער יריד געוואָר געוואָרען פון חם'ען, אז עס גרייט זיך אן הריגה אויף אידען?

ווען דיא מעסערס זיינען פערטהיילט געוואָרען צווישען דיא פויערים, האבען זיך דיא פיהרער פון דעם אויפשטאנד, דיא געוועזענע זאָפאָראָזער אדער דיא פרייע גאידאמאקען מיט מאקסים זשעלעזניאק אן דער שפיצע, גענומען ברענגען אין אָרדנונג דיא באָסע־קאָמאנדע. דיא מחנה איז איינגעטהיילט געוואָרען אין מאות, און יעדע מאה האט געהאט א בעזונדער צייכען; דערנאך האט מען אָבגעטהיילט

דיא רייטער פון דיא פוס־געהער. און ווען מעסערס האבען פערפעהלט, האט מען גענומען פראָסטע פלעקער, שטעקענס און וואס נאר עס האט זיך אונטערגעדרייט אונטער דער האנד.

דיא מחנה אבער איז נאך אין וועג ניט ארויס, זשעלעזניאק האט זיך פאַר־געשטעלט, אז ער איז דער צווייטער במעיניצקי, און איהם איז ניט אָנגעשטאַנען זיין דער אַנפיהרער פון א באָסע־קאָמאַנדע, פון אלערליי האָלעדריגעס, אהן א שעהנעם פולק. גוט בעוואפענטע קאזאקען האט ער געהאט זעהר ווייניג.

— עס איז א חרפה צו געהן מיט אזעלכע האָלעדריגעס, האט ער געזאָגט צו זיינע נאהענטע

— געוויס איז א שאנדע, האבען יענע צוגעגעבען. עס איז א חרפה צו ווייזען זיך דיא ליאכעס אויף דיא אויגען.

— אויב אזוי, לאָ'מיר גלייך געהן אין מעדוועדעווקע, צום פריץ קוואסנעווסקי און דאָרטען וועלען מיר געפינען רעסטירטע קאזאקען.

קוואסנעווסקי, דער עלסטער פון א גארניזאָן קאזאקען האָט געמאכט פלטה, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז מען האט צוטהיילט מעסערס צווישען דיא פויערים.

צו דיא קאזאקען, וואס זיינען געבליבען אָהן א פיהרער, איז זשעלעזניאק געקומען מיט דיא ביסעל רייטער, וואס ער האט געהאט.

— וואס ווילט איהר, ברידער, שלאָגען זיך מיט מיר אדער איבערגעהן צו זיי געווענדט זשעלעזניאק.

דיא רעסטירטע קאזאקען האבען זיך גלייך פעראייניגט מיט איהם.

דריי טעג האט געדויערט צו מאכען אן אָרדנונג און אויפ'ן פיערטען טאָג האבען זיי זיך געלאָזט געהן אויף טשענקאס.

פריהער פון אַלעמען איז געפאָהרען זשעלעזניאק, רייטענדיג אויף א געלבלי־כען פערד. ער איז אַלט געווען א יאהר פיערציג, ער איז איז געווען א פולער, פון מיטעלען וואוקס, אבער געזונד געבויט, שטארק פערברענט מיט סארע אויגען. נאך איהם זיינען געפאהרען דיא רייטער, צו צווי אין א ראַנד. הינטער דיא ריי־טער זיינען געגאנגען דיא פוס־געהער, מיט מעסער און מיט פלעקער. נאר צום רעצטען זיינען געגאנגען דיא פוהרמאנעס מיט וועגענס. צווישען דיא פראָסטע פורמאנעס איז געווען חם, וואס האט געדיענט ביי דיא קאָהענס. ער איז געגאנ־גען געבען זיין וואָגען מיט א מעסער אונטער'ן גארטעל און מיט א לאנגען, ביים

שפיץ פערשארפטען און צונעברענטען שטעקען. ער איז געוועזען א הויבער געזונטער יונג מיט שווארצע ברעמען און גוטע בלויע אויגען.

גלייך ביים ארויסגאנג האט פאסירט א זאך, וואס האט מיט א מאל דער־הויבען דעם גוטמוטהיגען חם.

א רייטער האט אביסעל פערשפעטינט און איז אבגעשטאנען פון דער מחנה. ער האט איצט געאיילט אנצויאגען זיינע קאמעראדען דיא רייטער, און האט זיך אנגעשטויסען אויף חם'ן, וואס איז געגאנגען נעבען זיין וואגען.

— אראב פון וועג, אידישער טעלער־לעקער! האט דער רייטער א געשריי געטהאן און א קלאפ געטהאן איהם מיט דער נאגאיקע.

זיי ביידע האבען זיך שוין מיט עטליכע טעג פריהער צוקריגט, ווען מען האט צוטהיילט דיא מעסערס.

— אהו! האט חם אויסגעשריען, דערפיהלענדיג דעם קלאפ פון דער נאגאיקע, אזא נאר ביזטו! דוא ווילסט זיך שלאגען! שטעה, כלב איינער! לא'מיר זיך שלא־גען, וויא עס פאסט פאר קאזאקען.

און ער האט איהם פערשטעלט דעם וועג.

— קום אויף א גערין, *) דוא הינטישער זוהן!

דער רייטער האט זיך אבגעשטעלט און אנגעשטעלט דעם שפיץ פון דער פיקע אויף זיין געגנער און האט זיך מיט'ן פערד געלאזט לויפען גלייך איהם, מאקרענדיג, אז דער פערד זאל איהם צוטרעטען און דיא פיקע זאל איהם דורכ־שטעכען. חם איז געוועזען פלינק, וויא א קאץ, און מיט איין שפרונג איז ער שוין געוועזען אן א זייט און אין איין אויגענבליק האט ער ארייגעשטאכען זיין שארפען פלאקע; דעם געגנער אין דער לינקער ברוסט. דער קלאפ איז געוועזען אזוי שטארק אז דער רייטער האט זיך אראבגעקייקעלט פון פערד, באדענדיג זיך אין בלוט, ביי דעם אונערווארטעטען געשלעג זיינען זיך אלע צונויפגעלאפען. חם איז געשטאנען שטום, בלייך און זיינע אויגען האבען ווילד ארומגעוואנדערט.

דער רייטער איז געוועזען טויט, זיין פערד האט זיך געלאזט לויפען.

צום פלאץ פון דועל איז צוגעפאהרען זשעלעזניאק מיט זיין סוויטע, חם איז דערווייל געקומען צו זיך, און האט איהם ערקלערט, אז דער געשלעג איז געוועזען א ערליכער; אהן א שולד פון זיין זייט האט איהם דער דער'הרג'עטער אנגערופען

*) גערין — דועל.

„אידישער־טעלער־לעקער“ אז ער האט פערטהיידיגט דיא עהרע פון דיא קאזאקען; ווארים אויב אזוי קען מען אלע קאזאקען רופען „אידישע טעלער־לעקער“ ווייל אלע וואס געפינען זיך דא, האבען געדיענט ביי אידען אדער אין ברייזער אדער אין שיינקען.

אלע האבען געפונען, אז ער איז גערעכט, אז ער האט פערטהיידיגט דיא עהרע פון דיא קאזאקען און זשעלעזניאק האט געזאגט:

— נעהם צו זיין פערד און זיינע קליידער און זיי געבען מיר; און דער הונד איז ווערט דעם שטעקען.

דיא מחנה האט זיך גערירהט ווייטער און חם ריהר־מיך־ניט־אן, וויא מען האט איהם איצט גערופען, אנגעטהאן אין דיא רייכע קליידער פון דעם גע'הרג'טען און רייטענריג אויף זיין פערד, האט זיך איצט געפונען אין דיא ערסטע ציילען.

דיא מחנה איז צוגעקאמען נאהענט צו מעדוועדאווקע, דארטען איז דאמאלס געווען א יריד און דיא פויערים פון דיא אלע ארומיגע דערפער זיינען זיך צונויפגעפאהרען דיא פאהנען, וואס האבען זיך געטרייסעלט אין דער לופט איבער דער מחנה, און דער שטויב וואס דיא פערד מיט דיא רייטער און דיא וועגען האבען געמאכט האט אנגעווארפען אן אימה אויף דעם עולם, וואס איז זיך צונויפגעפאהרען אויפ'ן יריד. אלע האבען זיך געלאזט לויפען אין אלע זייטען. נאר זשעלעזניאק האט געהייסען בערוהיגען דיא צולאפענע, און ער אליין האט זיי אויך בערוהיגט.

— האט קיין מורא ניט, גוטע מענשען. מיר וועלען אייך ניט טשעפען. טהוט וואס איהר דארפט.

יעדער וואס האט נאר געקענט קריגען א מעסער, א פלאקען, יעדער וואס האט געוואלט לעבען א גוטען טאג, האט זיך באהעפט צו זשעלעזניאק'ס מחנה.

נאר קיין בלוט האט זיך נאך ניט געגאסען. נאר באלד, באלד האבען זיך שוין געדארפט אנהויבען דיא הריגות.

פון מעדוועדאווקע זיינען דיא גאידאמאקעס אוועק ווייטער, אויפ'ן וועג איז זיי געלעגען דאס שטעדטיל זשאבאטין, וואס האט בעלאנגט צו דיא פרינצען פון לויבאמירסקים, דער גובערנאטאר פון שטאדט איז געווען וויטשאלקאווסקי און ער האט געהאט ביי זיך קאזאקען; נאר וויא דיא גאידאמאקעס האבען זיך בעוויזען נעבען דיא פעסטונגען, האט דער עלטעסטער פון דיא קאזאקען גלייך ארעסטירט דעם גובערנאטאר און האט איהם ארויסגעפיהרט צו דיא גאידאמאקעס. זיי זיינען גלייך אריין אין שטאדט און געווארען דיא בעלי הבתים פון שלאס.

דעם גובערנאַטאָר האט מען אַרומגעפיהרט איבער'ן מארק, כדי דער עולם זאָל איהם אין דיא אויגען קענען זאָגען, ווער האט פון איהם אדער אנדערע פרי־צים געליטען, ווער איז פון איהם געוואָרען בעליידיגט, פערשטעהט זיך, אז מסירות האבען זיך גלייך געפונען.

— פערפלוכטער ליאַך! פערפלוכטער ליאַך! האבען קולות פון אלע זייטען געשריען אויפ'ן גובערנאַטאָר.

— נעהמט זיך צו דיא פערפלוכטע ליאַכען! האבען אייניגע פון דיא גאַידאַ־מאַקעס אויסגעשריען,

— נעהמט זיך צו דיא אידען! האבען אונטערגעכאַפּט אנדערע.

און פון דיעזען מאָמענט האט גענומען פליסען בלוט. קוים זיינען נאר אויס־געבראכט געוואָרען דיא ווערטער: „ליאַך" און „איד" האבען זיך דיא חיה'שע געפיהלען ערוועקט און חיה'שע שכרות האט קיין סוף ניט געהאט.

דיא ערסטע זאך זיינען דיא רויבער בעפאַלען דיא שענקען, האבען ארויס־געשלעפּט דיא פעסלאך מיט וויין און בראנפען און האבען זיך אָנגעטרונקען, וויא דיא בעסטיעס, און דערנאך האט זיך אָנגעהויבען דיא הריגה.

זיי האבען אויסגעראבעוועט, וואס זיי האבען נאר געפונען און אויסגעקוילעט פיעל פוילישע און אידען האבען זיי געכאַפּט, נאר דאס איז נאך ניט געווען גענוג פאר זיי, דיא חיות אין געשטאַלט פון מענשען האבען פערברענט דאס גאנצע שטעדטיל, פון דארטען האבען זיי זיך געלאָזט געהן צו סמילע, וואס האט אויך געהערט צו ליובאָמירסקי.

סמילע האט מען אויך בעראבעוועט און פערברענט.

אין עטליכע טעג האט זיך דער פייער פון אויפשטאנד פערשפּרייט איבער דער גאנצער געגענד. פרויען מיט קאָמשערעס אין דיא הענד האבען זיך אָנגע־ש־אָסען אין דער באנדע, הינד האבען אוועקגעוואָרפען זייערע הייזער און זיינען אויך נאכגעגאנגען נאך דיא ווענען.

אָט איז שוין טשערקאס ניט ווייט, קינדער פון שטאָדט זיינען געלאָפען אנט־געגען בעגעגענען דיא טהייערע געסט. זשעלעזניאַק מיט א פרייליכען שמייכעל האט צו זיי א געשריי געטהאָן:

— וואס מאכט איהר כלבים! איהר אקערט נאך ניט?

— נאך ניט.

— און מיר אקערן שוין! האט זיך זשעלעזניאק צולאכט, נעבענדיג מיט דעם אנצוהערענים, אז דיא הריגה האט זיך שוין אנגעהויבען.

אריינפאהרענדיג אין שטאדט, האט זיך זשעלעזניאק געלאזט געהן גלייך צום שלאס, דיא טהירען פון דעם שלאס־טהורעם זיינען שוין געווען אפען. אויפ'ן פלאץ פאר'ן שלאס זיינען געווען אויסגעשטעלט דיא רייטער־גאידאמאקעס אין ציילען.

איהם אנטקעגנען זיינען ארויסגעקומען דיא שטעדטישע קאזאקען. זשעלעזניאק האט זיי בעגריסט און געפרעגט:

— וואו איז אייער עלטסטער?

דער עלטסטער איז גלייך ארויסגעלאפען צו איהם אהן א היטעל, זשעלעזניאק האט אויך ארונטערגענומען זיין היטעל. זיי האבען זיךביידע ארומגענומען און צר קושט זיך.

— פערבעט אונז צו זיך, האט זשעלעזניאק געזאגט.

דער עלטסטע האט גענומען פיהרען דיא בעאמטע פון דיא גאידאמאקעס אין פאלאץ.

— פאר וואס נעהסטו ניט, ריהר־מיך־ניט־אן? האט זשעלעזניאק זיך גע־וועגדט צו חם, וועלכער איז געשטאנען און איבערלעגט זיך וואס צו טהאן.

חם איז רויט געווארען פון אזא אונערווארטעטען כבוד און איז נאכגעגאנגען אין פאלאץ.

— אה, ווען רחל וואלט מיך איצט געזעהן, האט ער געזאגט צו זיך און אין הארצען האט איהם שטארק געקלאפט ...... נאר זיא וועט מיך נאך זעהן ...... איך וועל ניט דערלאזען עמיצער זאל איהר בעריהרען, איך וועל ניט דערלאזען, עמיצער זאל אויף איהר א פינגער ארויפלעגען.

וועהרענד דיא עלטסטע זיינען געווען אין פאלאץ, האבען דיא פראסטע גאי־דאמאקעס געטהאן וואס זיי האבען געדארפט. דיא ערסטע זאך זיינען זיי בעפא־לען אויף דיא פאדוואלען און האבען ארויסגעשטעלט פעסער בראנפען: פון דיא פעסער האבען זיי דיא רייפען אראבגענומען און דער בראנפען האט גענומען פליי־צען וויא א טייך.

— חברים, שטעלט זיך ראקאם און טרינקט! האבען געשריען דיא מעה־חיצינע.

און ווירקליך זיי האבען זיך אויסגעשטעלט אויף אלע פיער וויא בהמות און האבען געטרונקען פון דעם שטראמענדען בראנפען גלייך פון דער ערד.

— טרינקט, חברה, וויא פיעל אייער הארץ געלוסט, האט איינער געזאָגט, אבער זעהט טונקט ניט אָב אייערע טשובעס אין אזא גוטס.

— ביי דיר טרינקט אפילו דער טשוב, האט איינער געלאכט פון א צווייטען, וועלכער האט געטרונקען פון דער לוזשע מיט אזא חשק, אז דאס היטעל האט זיך ביי איהם אראָבגעקייקעלט פון קאָפּ אין דער טשוב האט זיך אין גאנצען גע־באָדען אין דער לוזשע.

דיא פרויען, וואס פערשטעהן מעהר אין בעל־ביתישקייט האבען אין זאמד אויסגעגראבען א גרוב, וואוהין דער בראנפען איז אריינגעפלאָסען און פין דאָרטען האבען זיי עס געשעפּט מיט קרינגלאך.

נאָכ'ן בראנפען, דער קוואל פון בעגייסטערונג פאר דיא רויבער, האט זיך גענומען גיסען מענשענס בלוט.

10טעס קאפיטעל.

דער בלוטיגער מאָלצייט אין ליסיאַנקע.

דיא ערצעהלונג, וואס איך בעשרייב אין דיזען בוך, איז פאָרגעקומען אין אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט.

צוויי פיינדליכע עלעמענטען, אוקריינע און פוילען, האבען זיך געריסען פאר מענשליכע און פּאָליטישע רעכטע. א סך בלוט איז פערגאסען געווארען פון ביידע זייטען, נאר דאס איז שוין דער פועל יוצא פון יעדען קריעג. אבער סיי דיא זייט און סיי יענע זייט האבען געהאט פאר וואס זיך צו קריעגען, פאר וואס צו פער־גיסען בלוט. נאר אויסגעלאָזט האט זיך, אז אין דעם קריעג האט מעהר פון אלע־מען געליטען נאר א דריטער עלעמענט, וועלכער האט ניט געוואוסט פון וואס צו־זאָגען. דיזער דריטער עלעמענט זיינען געוועזן דיא אידען פון דער פוילישער אוקריינע. זיי האבען זיך געפונען צווישען האמער און קלאָץ, און זיי זיינען געוואָרען אומ־מענשליך צוקלאַפּט פאר פרעמדע חטאים.

פון סמילע זיינען דיא באנדיטען געגאנגען אויף סאָרסין, טשיגירין און קאנעוו און האבען פון דיא דריי שטעדטלאך געמאכט אזא חורבן וויא פון דיא ערסטע צוויי. אין קאנעוו האבען דיא גאידאמאקעס געבושעוועט נאך מיט מעהר אכזריות, ווייל דאָרטען איז זיי ניט אָנגעקומען אזוי לייכט צו נעהמען דיא שטאָדט קאנעוו האט געהאט א גוטען שלאָס, מיט הארמאטען און א שטארקען גארניזאָן פון פוילישע סאָלדאטען, נאר דיא באנדיטען האבען סוף כל סוף זיך אריינגעריסען.

אין שטאָדט און האבען געשעדקעוועט מענשען סיי פוילישע סיי אידישע וויא קרויט, א טהייל פון דיא פוילישע האבען זיך פערשפּאַרט אין שלאָס, וואס איז געווען ארומגעזעהן מיט א דרייפאַכען צאַם. דיא גאידאמאקען האבען אָנגעשלעפּט אהין שטרוי און האבען אונטערגעצונדען אלע וואס האבען זיך דארטען בעהאלטען, זיינען פערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייט.

אַלעס ארום האט געברענט, בלוט האט זיך גענאָסען טייכענווייז. אין דיא דערפער האט מען מיט'ן קלינגען פון דיא גלאָקער געגעבען צו וויסען פון איין דאָרף צום צווייטען פון דער מהומה.

צו דערזעלבער צייט, וואס זשעלעזניאק האט געבושעוועט מיט זיין באנדע, האבען זיך אין אנדערע ערטער אויפגעהויבען נאך פערשיעדענע באנדעס אונטער דיא פיהרער שוואטשקי, נעזשיוואַי און שילאָ, איבערהויפּט שילאָ האט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיינע מערדערייען; ווענען איהם האט מען זיך אָנדערצעהלט וואונדער.

פון קאַנעוו איז זשעלעזניאַק מיט זיין באנדע אוועק אין באָגוסלאוו, אהין איז אויך אָנגעקומען שילאָ מיט זיין באַסע־קאָמאנדע. זשעלעזניאק און שילאָ האָ־בען זיך בעגעגענט, וויא צוויי אַלטע גוטע בעקאַנטע, און זיי האבען זיך ארומ־גענומען און צוקושט.

— נו, וואס הערט זיך ברודער? האט זשעלעזניאק געפרעגט, ביזטו געווען אין אומאן?

— איך בין געווען, האט שילאָ געענטפערט.

— וויא אזוי ביזטו אהין צוגעקומען?

— איך האב זיך פערשטעלט פאר א בלינדען בעטלער.

א רגע האט שילאָ געשוויגען, פּלוצים האָט ער געזאָגט:

— אך, ברודער מאַקסים! וואס פאר אַ שעהנע אידישע מיידלאך האבען מיר כבוד אָבגעגעבען מיט זייערע הענטעלאך! אזעלכע שעהנהייטען האב איך נאך נים געזעהן...... אויף זיי וועט זיך מיין האנד נים הויבען.

— ווער זיינען זיי?

— דעם רייכען קאָהענס טעכטער, רחל און שרה'קע.

איז דאס דער זעלבע קאָהען, ביי וועלכען חם ריהר־מיך־ניט־אָן האט געדיענט?

— איך קען דעם חם'ען ניט, האט שילאָ געענטפערט.

חם איז אין דער צייט געשטאַנען אן א זייט און האט געשמועסט מיט דיא נאַידאַמאַקען, וואס שילא האט געבראַכט.

— עי, חם, מיין פריינד! קום אהער! האט זשעלעזניאַק צו איהם א געשריי געטהאָן.

חם איז צו איהם צוגעגאַנגען.

— דוא האסט געדיענט ביי קאָהען אין אומאן? האט איהם זשעלעזניאַק געפרעגט.

— יא.

— ער האט צוויי שעהנע טעכטער, רחל און שרה'קע?

— חם איז בלייך געוואָרען, און דאס הארץ האט איהם אנגעהויבען האסטיג צוקלאפּען, נאר ער האט געזעהן צו בעהאלטען זיין אויפרעגונג.

— אזוי, רחל און שרה'קע, האט געענטפערט און זיין קול האט א ציטער געטהאָן. וואס איז דער מעהר?

— פאן שילאַ איז געווען ביי זיי צונאַסט און זיי האבען איהם כבוד געגעבען מיט זייערע אייגענע הענד.

חם האט פערוואונדערט אָנגעקוקט דעם שרעקליכען אטאמאן (פיהרער). וויא אזוי האט ער געקענט צוקומען צו אומאן? וויא אזוי האט רחל איהם גע־קענט געבען כבוד. ער האט ניט געוואוסט, וואס צו קלערען און זיין הארץ איז איהם פערגאַנגען.

— האט מען שוין דען גענומען אומאן, האט ער געפרעגט מיט א טויבען קול.

— דערווייל נאך ניט, נאר מיר וועלען איהר נעהמען, האט שילאָ געענטפערט.

— הייס, מען זאָל זיך קלייבען אויף אומאן, האט זשעלעזניאַק איהם געגעבען א בעפעהל.

חם האט געפאָלגט און ער איז שטיל אַבגעטראָטען פון זיין עלטסטען פּול מיט שרעק. וואס וועט זיין? וואָס וועט זיין? האט ער געמורמעלט.

וועהרענד זשעלעזניאַק האט זיך גערוקט אלץ ווייטער און ווייטער און האט אויסגעליינט זיין וועג מיט לייכען און פון דיא זייטען האט געשטראָמט מענשליכע בלוט טייכענווייז, האבען אלע וואס האבען מורא געהאט פאר דעם שרעקליכען אומגליק געזוכט צו בעהאלטען זיך אין מעהר בעשיצטע ערטער וואו מען האט

געהאַפט, אז דיא גאידאמאקעס װעלען ניט קענען צוקומען. דיזע מעהרזיכערע ער־מער זיינען געװען פאָלגענדע: ליסיאַנקע, אומאַן און ביעלא־צערקאָװ.

ארויסגעהענדיג פון באָגוסלאװ נאָך אומאַן, האבען דיא גאידאמאקעס אויפ'ן װעג געדארפט פערבייגעהן ליסיאַנקע. דאס שטעדטיל האט געהערט צים פרינץ יאבלאָנאָװסקי און דא איז געװען א שטיינערנער שלאָס מיט צװיי פעסטונגען, װאו עס האבען זיך געפונען הארמאטען, װאס האבען געקענט פערהיטען דיא שטאָדט פון אלע פיער זייטען, װייל זיי האבען זיך געפונען אויף א בארג און האבען געקענט שיסען װייט. אויסער דעם איז דער שלאָס געװען ארומגעצאַמט מיט א הויכען פארקען. אין שלאָס האט זיך געפונען א גוטער צאָאל סאָלדאטען, צו יענער צייט איז דארט געװען דעם פרינץ'ס קאָמיסאר ביטשעװסקי, ער איז געקומען אויפמאָנען צינזען.

צוקומענדיג צו ליסיאַנקע האט זשעלעזניאק פערשפרייט א קלאנג, אז דיא פויערים װעלען בעפרייט װערען פון זייערע הערשער און אין דער פוילישער אוקריינע װעט זיין אזוי, װיא אויף יענער צייט דניעפּער און זיי װעלען דארפען נאָר אָבדיע־נען זייער דיענסט אלס קאזאקען, אזוי װיא א מאָל איז געװען.

דיזע קלאנגען האבען אין ליסיאַנקע פערטריבען עטליכע הונדערט אדעליגע און אידען, װאס האבען דאָרטען געזוכט רעטונג.

דיא גאידאמאקען האבען געפונען ליסיאַנקע זעהר גוט בעװאכט און פער־פעסטיגט און ניט האָפענדיג צו נעהמען דעם שלאָס מיט געװאלד, האבען זיי זיך געװענדט צו דיא איינװאוינער פון שטאָדט און איינגערעדט זיי, אז זיי זאָלען װיר־קען אויף דיא בעאַמטע פון שלאָס, אז זיי זאָלען זעהן אויסמיידען בלוט־פערגיסונג א דעפּוטאציע פון דיא איינװאָהנער פון שטאָדט איז אװעק צום שלאָס און געבע־טען אום ערלויבנים דורכצורייִדען זיך מיט'ן קאָמיסאר ביטשעװסקי. דיא דעפוטאציע האָט דעם קאָמיסאר געזאָגט, אז אויב מען װעט זיך אונטערגעבען, װעט קיין בלוט פערגאָסען װערען, אין שלאָס װעט מען קיין זאך ניט ריהרען. אויסער דעם האבען דיא דעפּוטאטען געמעלדעט, אז עס װעט נאר ניט העלפען צו שטעלען זיך געגען דיא גאידאמאקען, װייל סוף כל סוף װעט דיא געגענד מוזען אננעהמען דיעזעלבע רעכטע װיא עס איז געװען אין דער צייט פון געטמאנשטשינע. דיא גאידאמאקעס אליין האבען זיך פארגעשטעלט ניט אלס באנדיטען, װאָס זוכען נאר אויס צו ראָ־בעװען און צו הרג'ענען, זאנדערן װיא חיל, װאס איז געשיקט געװאָרען פון זאפּאָ־ראָזשיע און טהוט װאס מען האט געהייסען. דיא רייד פון דיא דעפוטאטען, אָדער

שרעק, אדער דיא ניט זיכערהייט מיט וואס קען זיך א שיסעריי ענדיגען האט אזוי פיעל געווירקט אויפ'ן קאמיסאר, אז ער האט געהייסען עפענען דיא טהויערען פאר דיא באנדיטען. דיא גאידאמאקעס האבען זיך אריינגעריסען אין שלאס און האבען זיך אזוי צובושעוועט, אז עס האט איבערגעשטיגען אלעס, וואס זיי האבען ביז איצט געטהאן, דיא רציחות וואס זיי האבען בעוויעזען פריהער אין סמילע, אין טשערקאס, אין מעדוועדאווקע, אין קאנעוו, זיינען געווען א גאר־ניט, מיט דער ווילדער הולאניע אין ליסיאנקע.

געראטעוועט האבען זיך פון דארטען נאר עטליכע מענשען, וועלכע האבען זיך פערקליידט פאר פויערים און זיינען אנטלאפען צוזאמען מיט דיא ארעסטאנטען וועלכע דיא גאידאמאקעס האבען גלייך בעפרייט, אויך האבען זיך געראטעוועט איינינע, וועמען עס איז געלונגען, צו בעהאלטען זיך אונטער דיא קופעס גע'הרג'עטע.

א שרעק איז אנגעפאלען אויף אלע פוילישע פון דער רעכטער זייט אוקריינע, נאר נאך שרעקליכער איז געווען דיא לאגע פון דיא אידען אין דיזע פוילישע גע־גענדען, דיא ערסטע האבען געהאט וואו צו זוכען הילף, זיי האט מען אומעדום צוגענומען, אבער דיא אידען האבען ניט געהאט, וואו זיך צו קעהרען און וואו צו ווענדען. נאך זיי האט זיך יעדער געקענט יאגען, און זיי האבען ניט געהאט, וואו צו אנטלויפען.

און אידישעס בלוט האט זיך געגאסען פון אלע זייטען.

אין דיא פערספעקטיווע איז געווען נאך א פינסטערערע נאך א שרעקליכערע. מען האט געקענט ערווארטען, אז דיא באנדיטען וועלען ניט איבערלאזען אין אידען אין דעם גאנצען לאנד, וועלכעס האט זיי אזוי פריינדליך אויפגענומען.

11טעס קאפיטעל.

אל מלא רחמים.

דיא צייט איז געגאנגען. עס איז במעט אריבער דער מאנאט מאי, יעדער ווער עס האט געקענט אנטלויפען איז אנטלאפען. נאר וואו לויפט מען? וואו זוכט מען רעטונג?

איין מקום מקלט איז געבליבען, און דער איינציגער פלאץ איז געווען אומאן. דיא שטאדט אומאן איז געווען גוט בעפעסטיגט, א שלאס מיט ארטעלעריע, א שטארקער צאם, טיעפע גריבער ארום דער שטאדט און א גאנצער פאלק מיליץ.

ארויסקוקענדיג יעדען טאָג פון פענסטער און זעהענדיג, וויא אלע ווילע קר
מען צו נייע פוהרען מיט אנטלאָפענע, וואס זוכען א בעשיצונג אין אומאַן, איז
יצחק קאָהען אלץ מעהר און מעהר געקומען צום שלוס, אז דיא לאַנגע ווערט אלץ
שלימער און שלימער, אז עס שטעהט פאַר עפּעס שרעקליכעס, אין זיין זכרון האָ־
בען ערוואכט עראינערונגען וועגען כמעלניצקי, און אנדער שרעקליכע פּאָגראָמען
אויף אידען, ווען אין דער איין שטעדטיל באַר זיינען אויסגעשאָכטען געוואָרען און
אונטערגעוואָרפען געוואָרען דיא שרעקלכיסטע יסורים 15.000 אידען, און אזוי פיעל
אויך אין נעמיראָוו, בערדיטשעוו, פּאגרעביסטש, טולטשין, אומאַן און נאָך דרייא
הונדערט אנדערע שטעדטליך פון אוקריינע, פּאָדאָליע און וואלין.

דער טאָג ווען זשעלעזניאק און שילאָ זיינען נאָך דער הריגה אין ליסיאַנקע
ארויסגעגאנגען מיט זייערע אָרדערס אויף אומאַן, איז אויסגעפאלען אין ב״
סיון, וואס איז א תענית־טאָג פון כמעלניצקים צייטען אויף דיא גזרות פון
ת״ח ות״ט.

יצחק קאָהען און זיין געזינט און רבי יעקב יוסף זיינען אוועק אין שוהל. דיא
גרויסע שוהל איז געווען געפּאַקט פון אויבען ביז אראָב, אויף אלע געזיכטער איז
געווען אָבגעטונקט שרעק און פערצווייפלונג. נאר קאָהענס קינדער האבען זיך גע־
האלטען מוטהיג: אלע דריי „זוהן האבען בעשלאָסען צו פערקויפען זייער לעבען פאר
א טהייערען פרייז. ביי רחל׳ן אין דיא אויגען האט געברענט א פייער פון ענטשלאָ־
סענהייט, ביי איהר אין קאָפּ איז געווען קענטיג, האט זיך אויסגעארבייט א גע־
וויסער פּלאַן, זיא איז געגאנגען צוזאמען מיט׳ן ברודער שמשון.

— זאג, איך בעט דיך, ווער איז געווען יהודית? האט זיא אין דער
שטיל געפרעגט.

— דוא ווייסט דען ניט, ווער יהודית איז געווען? האט ער איהר פערוואונ־
דערט אָנגעקוקט.

— איך ווייס, אָבער זאָג, איז זיא געווען א שטארקע? האט זיא ווייטער
געפרעגט.

— וואהרשיינליך א שטארקע, אז זיא האט געקענט אראָבהאקען דעם קאָפּ
ביי אליפערנוס.

— פאר וואס האט זיא איהם ניט גלאט דערשטאָכען?

— וויל זיא האָט געדארפט האבען דעם קאָפּ; נאר וואס נעהמט דיך אָן
יהודית, האט שמשון געפרעגט.

— גלאט אזוי ...... זיא איז מיר ארויף אויפ'ן זינען ..... ווען איצט וואָלט זיך געפונען אזא אידיש מיידעל ......

— וואס וואָלט געווען?

— זיא וואָלט זשעלעזניאק דעם קאָפּ אראָבגענומען.

דער שוועסטערס תמימות האבען ביי איהם ארויסגערופען א שמייכעל.

— ווילסטו אפשר זיין דיא צווייטע יהודית, האט ער א קלעהר געטהאָן, אבער ער האט גאר ניט געזאָגט.

רבי יעקב יוסף און דיא קאָהענס זיינען צוגעקומען צום שוהל. דער עולם האט געזעהן צו מאכען א ווארע פאר רבי יעקב יוסף, נאר דאך איז איהם און דיא קאָהענס אנגעקומען זעהר שווער דורכצושטופּען זיך אויבען אָן.

לאה, רחל און שרה'קע זיינען אריין אין עזרת נשים, דארטען איז אויך אזוי געווען געפּאקט וויא ביי דיא מאנסבילען.

נאך דיא געוואוינליכע תפילות האט זיך אָנגעהויבען הזכרת נשמות.

„אל מלא רחמים, שוכן במרומים!" האט געיאָמערט דער חזן מיט א הערצ־רייסענדען קול; בארעמהערציגער גאָט בערוהיג דיא ריינע נשמות פון דיא, וואס זיינען געשטאָרבען פאר קדוש השם אין נעמיראָוו, בערדיטשעוו, פּאגרעביסטש, טולטשין, פּוילען, באר, אומאן.

ביים וואָרט „אומאן" איז דער יאמער געוואָרען אין שוהל און אין עזרת נשים געוואָרען אזוי שטארק, אז ער האט פערטויבט דעם חזן'ס קול.

באלד אבער האט זיך זיין קול געשטארקט:

„מענער, וויבער, קינדער און אונשולדיגע עופ'עלאך — קיינעם האבען דיא מערדער ניט געשאנעוועט, זייער בלוט האט גערונען טייכענווייז, נאר דיין אמונה האבען זיי ניט פערלאָזט ......"

— און מיר וועלען אויך ניט פערלאָזען! האבען זיך דערהערט קולות פון אלע זייטען ...... זאָלען דיא מערדער דערטרונקען ווערען אין אונזער בלוט.

אין עזרת נשים איז געוואָרען א גערודער.

— לאה'ן איז ניט גוט געוואָרען ...... קאָהענס וויב חלש'ט!

רחל האט דיא מוטער ארויסגעפיהרט אויף דיא טרעפּ, זיא זאָל כאפּען אביסעל פרייע לופט.

נאך „הזכרת נשמות" האבען אלע אויגען גענומען קוקען אין איין ריכטונג, אהין וויא רבי יעקב יוסף איז געשטאנען.

רבי יעקב יוסף וועט זאָגען...... רבי יעקב יוסף וועט זאָגען, איז דורכגעלאָ־
פען א מורמעל צווישען דעם עולם.

יעקב יוסף האט זיך דורכגעשטופט צום ארון קדש, האט אָנגעטהאָן א טלית
און אָנגעהויבען צו זאָגען פריהער מיט א שוואַבען קול, אז געהערט האבען נאָר
דיא, וואָס זיינען געשטאַנען פון פאָרענט נאר באַלד האט ער זיך דערוואַרעמט
און האט אָנגעהויבען מיט א שטאַרקע בעגייסטערונג.

— שמועה רעה שמענו, שלעבטע בשורות גרייכען אונז פון דיא מקומות, וואו
אחינו בני ישראל געפינען זיך. אידישעס בלוט גיסט זיך, וויא וואסער, נאר ווען
האט זיך עס ניט געגאָסען. מיר האבען געמוזט מיט אונזער פּ־ייש אָנשטאָפּען
דיא מיילער פון פיעלע רויבער, נאר אין דעם ליעגט דער סוד פון אונזער נצחון
און עתיד איבער דער גאנצער וועלט, איבער אלע פעלקער פון דער ערד.

— בעטראכט, פון אלע אלטע פעלקער איז ניט געבליבען קיין געדעכענים —
זיי זיינען אלע אראָבגעבלאָזען געוואָרען פון דער ערד, אזוי וויא דער ווינד פער־
בלאָזט דעם שטויב, וואס האט זיך אָנגעקליבען אויף איין אָרט. וואס איז געוואָ־
רען פון דער גרויסער מלוכה פון דיא פרעה׳ס, וועלכע האבען געהערשט איבער
דער גאנצער וועלט און אונטער וועמעס יאָך אידען האבען געקרעכצט עטליכע
יאהרהונדערטע? וואס איז געוואָרען פון דעם פורכטבארען מצרים פון זיינע טעמפּלען,
פון זיינע אוצרות? א תל עולם. עס איז פערבליבען דער איין טייך נילוס, וואס
ניט וואסער פאר דיא קינדער פון דיא געוועזענע הערשער פון דיא פרעה׳ס. און
וואס זיינען איצט מאוסע קנעכט ביים פאדישאק. און זיינען דאס געווען ניט מיר,
וואס האבען מיט אונזער לייב געקאָרמעט דיא רויבערדיא פרעהס? און וואס
האט זיך אויסגעלאָזט פון דעם קעניגרייך פון בבל, אויף דיא טייכען פון וועלכע
מיר זיינען געזעסען און געוויינט? וואו האבען זיך היגנעטהאָן זיינע רייכע פאלאצען,
טעמפּלען, סעמיראמיד׳ס הענגענדע גערטנער? בבל איז פערשאָטען געוואָרען מיט
זאמד און אויף יענעם פלאץ וואקסען דערנער, און נאר דיא טייכען זיינען פערבלי־
בען, אויף דיא ברעגעס פון וועלכע מיר זיינען געזעסען און געוויינט, ווען מיר האָ־
בען מיט אונזער פלייש געדארפט קאָרמענען דיא בלוט־דורשטיגע בבלנים. וואס
איז געוואָרען פון צור, פון חירם׳ס מעכטיגע קעניגרייך. וואו האט זיך הינגעטהאָן
זיין פורפורוואָל, ליינען. גאָלד און דיא פיעלע שיפען? וואו זיינען צור און צידון?
עס איז נאָך פערבליבען דער ברעג ים פון צור, דער איינזאמער ברעג, אויף וועל־
כען דער ים טרייבט מיט א יאָמער זינע הינדען, און בעוויינט זיינע אמאָליגע

גרויסקייט. וואס איז געוואָרען דער סוף פון דיא גרעקען דיא אייניקלאך פון דיא אריסטאָטלעסען, פון סאָקראַטוס'ן, פון אפלטנ'ען? זיי זיינען קלעגליכע קנעכט ביים טערקישען פאשא און זייער גאנצע רייכקייט בעשטעהט אין גובקע, מיט וועלכע דיא פויליישע פריצים און זייערע ווייבער רייבען זיך איין זייערע קערפערס. און וואס איז דער מעהר מיט'ן אייזערנעם רוים מיט זיינע אייזערנע פאַלקען מיט זיינע צעזארס, טיטוסעס, נירונס מיט זייערע צירקען, וואו לייבען האבען געריסען דיא לייבער פון אונזערע אידען, בדי צו פערשאפען פערגניגען דעם צובושעוועטען רוימער?

— זאָגט מיר, ווער, ווער איז פערבליעבען? האט רבי יעקב יוסף פלוצים זיך אליין איבערגעריסען און געווענדט זיך צו זיינע צוהערער. זיינע אויגען זיינען געוואָרען גרויס, זיין געזיכט בלייך און דיא הענד האבען איהם געציטערט.

— קיינער ניט, האט ער אליין געענטפערט. קיינער ניט! מיר אליין זיינען נאר פערבליבען נאך פיעל מלוכות וועלען פערניכטעט ווערען, פערניכטעט וועלען ווערען פיעלע מלוכות, פיעלע פעלקער וועלען אבגעמעקט ווערען פון דער ערד, און מיר וועלען בלייבען לעולם ועד, מיר וועלען זיין דיא הערשער פון דער גאנצער וועלט.

ער האט זיך אויסגעגלייכט און אָנגעכאפט מיט איין האנד פאר'ן הארצען און מיט דער צווייטער אָנגעשפארט אן שטענדער.

— איך מוז זיך אביסעל אָברוהען, האט ער ווייטער גערעדט, שווער אטהעמענדיג. געדענקט, אז מיר זיינען אלע מאָל געווען פערפאָלגט, נאר מיר זיינען קיין מאָל ניט געווען קיין קנעכט, דאס הייסט, אונזער גייסט, האט מען קיין מאָל ניט געקענט פערשקלאפען. פרעה האט אויף אונז אָנגעוואָרפען שווערע ארבייט, האט פערשקלאפט אונזער קערפער, אבער אונזער גייסט איז געבליבען פריי, אונזער גייסט האט זיך ארויסגעוויזען שטארקער, וויא ביי אונזערע דריקער. געפיהרט פון אונזער גייסט, פון אונזער נאָט האבען מיר זיך פון מצרים ארויסגעריסען, ווען זיי האבען געוואָלט אונזער גייסט פערשקלאפען, און דיא שטארקע דיא גרויסע מצריים, וואס האבען אונזער לייב געפרעסען הונדערטער יאָהרען, האָבען געפונען זייער טוידט אין דעם אָבגרונד פון ים. דיא מעכטיגע הערשער פון בבל האבען אונז פון אונזער לאנד פערטריבען און בעזעצט אונז ארום זייערע טייכען; נאר אונזער גייסט האבען זיי ניט געקענט בעהערשען; מיר האבען נאר געוויינט אויף דיא טייכען פון בבל, אבער קיין ליעדער האבען מיר דעם שונא ניט

געזונגען, מיר האבען בעסער אונזערע הענד צושניטען און ניט געשפיעלט אין א פרעמדען לאנד פון ציונס נגונים. מיר האבען זיך אומגעקעהרט פון גלות פרייע מענשען. מיר האבען בעהערשט אונזערע הערשער: זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען פון דער ערד, און מיר זיינען געבליבען. שפעטער האט אונז א נייער דונער געטראָפען, אויף דיא ווענד פון דעם הייליגען ירושלים האבען זיך בעוויעזען דיא גאָלדענע אָדלערס פון דיא רוימישע פּאָלקען, דיא רוימישע אָדלעס האבען געפּיקט אונזער קערפּער נאר אויספּיקען אונזער גייסט איז זיי ניט געראָטען. וואו איז איצט דער אַלטער רוים? מיר אליין זיינען פערבליבען, באַטשע מיר זיינען צושפּרייעט און צוזייעט געוואָרען איבער דער גאַנצער ערד, נאר מיר טראָגען מיט זיך אונזער גייסט, אונזער גאָט......

— אונז האט מען אומעדום גע׳רודפ׳ט, מען האט זיך נאך אונז נאכגעיאָגט וויא נאך ווילדע חיות. וויא קרעציגע האט מען א ונז פערשפּאַרט אין בעזונדערע געהעטאָס, אונז האט מען געברענט, געבראָטען...... נאר מיר זיינען געבליבען; דיא פייערן פון דער אינקוויזיציאָן האט אונז ניט געשאדעט, אונזער גייסט איז דאָרט אויך געבליעבען ניט פערשקלאַפט. אונז האט געטריבען פון אומעדום......

פּלוצים האט ער זיך אָבגעשטעלט און מיט אַן ענטציקטען בליק האט ער א קוק געטהאָן ארום זיך.

— איהר האט מורא פאר רדיפות, פאר א נייע הריגה, האט ער רוהיג פּאָרטגעזעצט. נאר שפּיעלען דען ביי אונז א ראָלע אַזעלכע רדיפות? ווען אַן אַנדער פאָלק זאָל זיין אויף אונזער פּלאַץ, וואָלט שוין פון איהם קיין שריד ופליט ניט געבליבען, נאר מיר וואָלטען ניט געהאט קיין רעכט צו זאָגען „אתה בחרתנו" ווען מיט אונז וואלט אויסגעגאנגען אזא סוף. איהר האט מורא במעלניצקים צייטען זאָלען זיך ניט אומקעהרען, נאר יענע צייט וועט שוין מעהר ניט קומען, דאמאלס איז גאַנץ אוקריינע אויף אונז געגאנגען מיט אלע איהרע פּיהרער, איצטער געהן נאר דיא האָלאָדרינגעס. איך זעה פאָראויס, אז דיא רדיפות אויף אונז האט זיך נאך ניט אויסגענומען, נאר זיי וועלען אוביג ניט געדויערען, לשפך ד׳ רוח על כל בשר און גאָט וועט זיין גייסט אויסגיסען אויף אלע פעלקער און דיא שטיינערנע הערצער וועלען ווייך ווערען, דיא אכזריות וועט פערשוואונדען ווערען און דיא שנאה וועט זיך אויסגעהמען.

— אמן, האבען אלע געענטפערט, און דערפיהלט א ווילע אַן ערלייכ־

פערונ־

נאך דער דרשה האבען זיך אלע געפיהלט א סך גרינגער, נאר דאך האט מען בעשלאָסען צו שיקען א דעפוטאציע פון דריי אידען צום גובערנאטאָר, אויס־צוגעפינען פון איהם, צו אומאן איז פערזיכערט פון די גאידאמאקעס. צווישען די דריי דעפוטאטען איז אויך געווען יצחק קאָהען.

וויא זיי זיינען צוגעקומען צום גובערנאטאָרס הויז, האבען זיי איהם דערזעהן זיצען אויפ'ן גאנעק. ער האט זיך צוגעקוקט, וויא זיין טאָכטער ווערעאָניקא, האט זיך געזעצט רייטענדיג אויף א פערד און איז אין דער בעגלייטונג פון א קאוואליער אבגעפאָהרען.

— שפרינג נאר ניט, וויא א טאָטער, האט איהר דער פאָטער נאָכגעשריען.

— איך וועל, טאטקע. איך וועל צופאָהרען גלייך צו דייא גאידאמאקעס, און וועל דיר זשעלעזניאק'ן ברענגען א געפאנגענעם, און מיט דיא ווערטער איז זיא מיט איהר קאוואליער אבגעפאָהרען.

— א שטיפערקע! האט דער גובערנאטאָר געזאָגט, און א מאך געטהאָן מיט דער האנד.

דיא דריי אידען האבען זיך פאר איהם פערנייגט.

— א! אונזער געעהרטער קאָהען מיט דיא זקנים פון זיין פאָלק! האט דער גובערנאטאָר א שמייכעל געטאָן. וואס גוטס וועט איהר זאָגען?

— מיר האבען נאר קיין גוטס ניט צו זאָגען, גרויסער, וויכטיגער פריץ'ל, האט קאָהען געענטפערט.

— וואס איז דאס אזוינס? קומט ארויף אויפ'ן גאנעק.

דיא זקנים זיינען ארויף אויפ'ן גאנעק, וואס איז געווען ארומגעשטעלט מיט קווייטען און טעפ און קיילעלאך.

— זעצט זיך אנידער, געעהרטע מענגער, יעדער אונטער זיין פייגענבוים, האט געפלאפעלט דער זארגלאָזער פריץ.

קאָהען און זיינע חברים האבען זיך געזעצט.

— מיר קומען איצט פון שוהל, האט קאָהען געזאָגט. מיר האבען געבעטען פאר דיא ערמאָרדעטע.

— פאר וועלכע ערמאָרדעטע? האט דער גובערנאטאָר געפרעגט און האט א פאטש געטהאָן מיט דיא הענד.

אויף דעם צייכען האט זיך אויפ'ן שוועל בעוויזען א דיענער.

— יאס, א ליולקע!

און ווענדענדיג זיך צו דיא געסט, האט ער ווידערהאָלט זיין פראגע:

— פאר וועלכע ערמאָרדעטע?

— פאר דיא ערמאָרדעטע, וואס זיינען געפאַלען פון דיא באנדיטען פאר במעלניצקי'ס צייטען און פאר דיא, וואס זיינען געמאַטערט געוואָרען פון דעם ראזבויניק זשעלעזניאק און זיין באנדע.

— מיר האבען געבעטען פאר אונזער שטאָדט, אז דער אלמעכטיגער זאל קיין צרה ניט דערלאָזען אויף אומאַן, האט ערקלערט א צווייטער.

— אָה, איהר האט אומזיסט מטריח געוועזן אייער גאָט, האט דער גובערנאַ־טאָר געענטפערט מיט א שמייכעל. מיר וועלען זיך בעגעהן אָהן זיין הילף.

דער ענטפער האט געמאכט א מאוס'ן איינדרוק אויף זיינע בעזוכער. דער דיענער האט דערווייל געבראכט א ליולקע. דער גובערנאַטאָר האט גענומען בלאָזען דעם רויך.

— אָט אזוי וועל איך מיט זיי טהאָן! האט ער בעוויעזען מיט דער האנד אויפ'ן רויך. איך וועל דיא האַלאַדרינעס צוטרייבען אזוי וויא דעם רויך.

— נאָר פיעלייכט ווייס נאָך ניט אַלעס דער ליכטיגער און גרויסער פריץ? האט אריינגעשטעלט א וואָרט קאָהען.

— איך ווייס אַלעס, אַלעס! איך ווייס, וואס איז געשעהן אין טשערקאס, אין סמילע, אין ויסיאנקע...... א שאנדע און א חרפה. כיטשעווסקי האט אליין דיא טהויערען געעפענט! גאנץ פוילען וועט זיך פון דעם פלעק ניט אָבוואשען. ער האט געהאט מיט וואָס זיך צו פערטהיידיגען, און וויא א באָביצע האט ער זיך דערשראָקען. ער האט כשר פערדיענט זיין טהייל.

— און אונזער פריץ האָפט בייצוקומען דיא באנדע רויבער, האט דער עלטס־טער פון דיא דריי געפרעגט ניט זיכער.

— האָפט! מיין איין גאַנטא מיט דיא הונדערט קאזאקען מאכט פון זיי יע־דען יאָהר א תל, האט דער גובערנאַטאָר געענטפערט מיט ווארימקייט.

— אבער איצטער געהן זיי טויזענדער, זיי האבען הארמאטען, האט קאָהען געענטפערט.

— טויזענדער!......זיי זיינען אלע חזרים־פיהטערער מיט שטעקענס......אבער ביי מיר, ניט א קוס (דער גובערנאַטאָר האט מיט דער האנד בעוויזען אויף דער שטאָדט) מיר זיינען ארומגעצאמט מיט א געזונטען פלאנקען. איבער'ן צאם שטעהן צווי טהורעמס, וואס וועלען קיין שונא ניט דערלאָזען צו דער שטאָדט און זיינען

ארומגעזעהן מיט גוטע הארמאטען, זאלען דיא פאָדלע פויערים פערזוכען דעם טעם פון טשונונעס ארבעס, חא, חא, חא! זייערע מאָגענס וועלען דאס ניט פערדייען. יאס, דערלאנג א ליולקע.

דער דיענער איז ווייטער צוגעשפרונגען צום גאנעק.

— גיעב א ריינעם טשיבעק. פערגעס ניט, איהר ווערטהע אייניקלאך פון יהשוע בן נון, אז איך האב אין א קעשענע א פאָלק רייטער פון צוויי טויזענד מאן, און מיין חיל וועט ארויס בעגעגענען דיא חזרים־פיהטערער צעהן ווערסט אונטער'ן שטאָדט און זיי וועלען מיר ברענגען זשעלעזיגיאק'ן א געשימדטען און מיר וועלען איהם אוועקזעצען אויפ'ן פלאָקען, מיר וועלען זעהן אדרבא, צו ער וועט אויך פעררויכען א ליולקע אויף דעם שפיציגען טהראָן, וויא זיין חבר האט ניט לאנג געטהאָן... יאס! א נייע ליולק! דיא רויבערט שלעכט......

פעררויכענדיג א נייע ליולקע האט ער פאָרטגעזעצט.

— אויסער דעם האב איך א הונדערט אויסגעקליבענע סאָלדאטען אונ־טער דיא פיהרערשאפט פון דעם העלדישען קאפיטאן לענארד; און צוויי הונדערט מוטהיגע קאָנפעדעראטען, דיא בעסטע סאָלדאטען פון פוילען. אין מיינע „ליזנעס"? זיי זיינען אזעלכע שיסער, וואס האבען ניט זייער גלייכען. אויף מיינע האָנאָר, זיי דערשיסען א שוואלב, ווען זיא האלט אין לויפען; גיט א ווארף א היהנערישע איי אין דער לופט און יעדער פון זיי וועט אין איהר טרעפען מיט א קויל, ניט ציעלעווענדיג זיך.

— און אָט נעהט טאָקי אונזער גבור אליין! האט דער גובערנאטאָר אויס־געשריען.

צום גאנעק איז צוגעקומען דער פאָלקאָווניק גאָנטא.

12טעם קאפיטעל.

אַ וואונדערבאַרעס פאָלק.

וועראָניקאָ מיט איהר קאוואליער האבען געריטען אונטער דער שטאָדט; זיי אנטגעגען זיינען אלע ווייلע אנגעקומען נייע פוהרען מיט אנטלאָפענע אידען, וואס האבען געזוכט רעטונג אין אומאן.

— אך, וואס פאר א שטויב אידען מאכען, האט דער קאוואליער געזאָגט און האט זיך אָבגעקעהרט אן א זייט. מען קען פון זיי ערגעץ ניט פטור ווערען.

— וויא שעמט איהר זיך דאס ניט צו זאָגען! האט וועראָניקא געענטפערט בייז, זיי אנטלויפען פון טוידט, זיי האבען איבערגעלאָזט אלעס, וואס זיי האבען געהאט, פאר דיא רויבער, און זיי זיינען קוים מיט׳ן לעבען אנטלאָפען און אונז לייד־געהער און זאגט איהר נעבעך ניט, וואס זיי מאכען א שטויב! מיר וואונדערט, וויא דיא כיאנסבילען זיינע אזעלכע הארט־הערציגע, און זיי ווילען נאך איינשמועסען, אז זיי האבען צארטע געפיהלען און ליעבען, וויא קען מען ליעבען, אז אין הארצען איז ניטאָ קיין רחמנות צו אונגליקליכע?

— נאר איהר ווייסט דאך, אז דיא אידען זיינען ניט אלע מאָל דיא אונגליקליכע, וויא נאר זיי ווערט גוט פערדרייסען זיי דיא נעזער, האט זיך דער קאוואליער פערענטפערט.

— אנטקעגען אייך?

— נאר דאס געהט זיי אָב! איך מיין מיט דיא פויערים.

— דיא פויערים טהוען נאך ערגער וויא צו פערדרייסען דיא נעזער. זייערע אכזריות האט דאך קיין גרונד ניט!

מיט דיא ווערטער איז זיא צוגעפאָהרען צו א וואָגען, וואו עס איז געווען אנגעלעגט אביסעל אָרימקייט פון א אידישע פאמיליע. פון וואָגען האבען ארויסגע־קוקט עטליכע קליינע קינדערלאך, מאן און ווייב זיינען געגאנגען צו פוס צוזאמען מיט׳ן בעל העגלה.

— פון וואנען פאהרט איהר? האט זיא געפרעגט.

— פון זוועניגאָראָדאָק, גוטע פאנעניע, האט געענטפערט דער איד און האָט ארונטערגענומען זיין היטעל.

— וואס הערט זיך וועגען דיא ראזבויניקעס? האט דער קאוואליער געפרעגט.

— אך, זיי קוילען אוים, ווערען זיי באפען נאר, אוי ווייה, וויא פיעל בלוט זיי האבען שוין פערגאָסען. אין ליסיאנקע האבען זיי קיין שריד ופליט ניט איבער־געלאָזט.

— וואו זיינען זיי איצט? האט וועראָניקא געפרעגט.

— מען זאָגט, אז זיי געהען אהער...... זיי בערימען זיך, אז זיי וועלען אומאן אויך איינגעהמען, אל תפתח פה לשטן.

— האט קיין מורא ניט, גוטע מענשען, מיין פאָטער וועט אייך אלעמען בעשיצען. איהר זעהט, מיר האבען קיין מורא ניט, האט אויך קיין מורא ניט. מיר האבען א פעסטונג און שטארקע חיל.

— מען זאָגט אבער, גוטע פאנענקע, אז ער, זשעלעזניאק האט אהער אונטערגעשיקט זיין אטאמאן שילאָ צו אייערע קאזאקען און אז גאָנטא האט געמאכט יד אחת מיט דיא גאידאמאקעס האט דער איד געזאָגט אזוי שטיל, אז מען האָט קוים געקענט הערען.

— גאָנטא יד אחת! נארישקייטען! האט וועראָניקא אויסגעשריען, ער האט מיך אויף דיא הענד געטראָגען, ווען איך בין נאך געווען א קליינינקע.

— הלואי זאָל דאס זיין א ליגען, האט דיא אידענע געענטפערט און האט אויפגעהויבען דיא אויגען צום הימעל. אויפ'ן מארק האבען דיא פויערים אזוי גערעדט ...... מען האט אונז נאך בעוויזען דאס אינגעל, וואס האט ארייגעפיהרט שילאָ אין אומאַן. שילאָ, הייסט עס, האט זיך פערשטעלט פאר א בלינדען בעטלער און דאס אינגעל איז געווען זיין פיהרער.

ווערא‎ניקא האט זיך דערמאָנט, אז מיט א חדש צוריק, ווען זיא האט זיך איין אָבענד אומגעקעהרט פון שפאציר מיט איהר קאוואליער, האט זיא געזעהען נעבען קאָהענס קראָם א בלינדען בעטלער, וואס האט געזונגען קאזאצקע לידער. איז דאס געווען שילאָ? אבער קען דאס זיין אז גאָנטא זאָל זיין אונטריי? ניין, עס איז אונמעגליך.

— גלויבט ניט אזעלכע נארישקייטען, האט זיא געענטפערט, עס קען זיין, אז דער האָלעדריגע שילאָ איז געווען אין אומאַן אלס א פערשטעלטער בעטלער, נאר אז גאָנטא זאָל מיט איהם זיין יד אחת איז אונמעגליך, איך וועל דאס קיין מאָל ניט גלויבען. איך פערלאָז זיך אזוי פיעל אויף גאָנטא, וויא אויף מיין פאָטער און זיא האט זיך געלאָזט לויפען מיט איהר פערד וויטער.

אומקעהרענדיג זיך נאך א לאנגען שפאציר אהיים, האבען זיי אָנגעטראָפען אויפ'ן וועג דיא קאָהענס שמשון און רחל, ווערא‎ניקא האט איהר פערד אָבגעשטעלט.

— וואס מאכט איהר? האט זיא זיי בעגריסט, איך האב היינט אייער פאָטער געזעהן ביי אונז, זייט איהר אלע געזונד?

שמשון און רחל האבען זיך פערניינט.

— איך דאנק אייך, האט רחל געענטפערט. מיר זיינען אלע געזונד, נאר דאס אלגעמיינע אונגליק לאָזט אונז ......

זאָרגט ניט, ליעבע רחל; מיר דארפען פאר זיי קיין מורא ניט האבען, מיר וועלען נאך אנדערע אויף בעשיצען. נאר זאָגט מיר, איך בעט אייך, אין מיט א

חדש צוריק געווען ביי אייך א בלינדער בעטלער? האט וועראָניקא געפרעגט. מיר האבען איהם געזעהן נעבען אייער קראָם.

— יא, מיר האבען איהם בעגעגענט אונטער דער שטאָדט, און רחל האָט דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע פון יענער בעגעגנים.

— איצט זאָגט מען, אז דאס איז ניט געווען א בלינדער בעטלער, זאָנדערן א פערשטעלטער פיהרער פון דיא גאידאמאַקעס און זיין נאָמען איז שילא, און אז ער איז געקומען אהער איבערריידען גאָנטא, ער זאָל איבערגעהן צו דיא גאי־דאמאַקעס. נאר איך גלויב דאס ניט, גאָנטא וועט אונז קיין מאָל ניט זיין אונ־טריי; נאר איהר האט מעהר דעם בלינדען שוין ניט בעגעגנט?

— מיר האבען איהם שוין מעהר ניט געזעהן. נאר אפרים האט איהם אויף מאָרגען געזעהן ביים וואָיט, ווען ער האט אהין אָבגעפיהרט דאס אינגעל. און וואו דער בלינדער איז הינגעקומען ווייסען מיר ניט.

— מיר קענען זיך אויף גאָנטא פערלאָזען, האט וועראָניקא געזאָגט, ער איז ניט אזא מענש, וואס זאל זיך לאָזען איבערעדען. זייט געזונד!

און זיא האט דיא שפּאָרען צוגעדרירט צום פערד און זיא איז אוועקגע־שפּרונגען, נאך איהר האט זיך געלאָזט לויפען איהר קאוואליער.

— ניט אמת, רחל איז א שעהנהייט? האט וועראָניקא געזאָגט צו איהר קאוואליער?

— אויב איהר געפינט אזוי, בין איך מסכים, האט דער קאוואליער געענט־פערט. נאר אז שמשון איז א שעהנער, דא איז קיין שום פראגע ניט: ער איז דער אמת'ער שמשון הגבור פון דער ביבעל.

— א וואונדערבארע פאָלק! עס פערליערט ניט זיין פארב אונטער קיין זון און בייט זיך ניט אום אונטער קיינע קלעפּ. ווען איך וואלט ניט געווען א פּוילישע וואָלט איך זיך געקלעמט, וואס איך בין ניט א אידיש קינד. א וואונדערבארעס פאָלק!

וועראָניקא האט פלוצים אָבגעשטעלט איהר פערד.

— זייט פאָרזיכטיג, האט זיא געזאָגט צו איהר קאוואליער. איהר קענט נאך איבערפאָהרען א קינד.

אויף דער גאס האבען זיך געשפּיעלט קינדער; דא זיינען געווען אידישע קינדער, פּוילישע און אוקריינער.

— האט איהר בעמערקט? האט זיא געפרעגט איהר קאוואליער, ווען זיי זיינען געפאָהרען ווייטער.

— וואָס?

— וויא ריין עס איז פערבליבען אויף דיא פּנימער פון דיא אידישע קינדער דער שטעמפּעל פון זייער ראסע! זיי זיינען דאָך געבאָרען. געוואָרען דא, וואו עס זיינען אויך געבאָרען געוואָרען דיא שקצים אונטער דערזעלבער זון, וואס איז ווייט ניט קיין פּאלעסטינישע; אויפגעהאָדעוועט האבען זיי זיך אין אָרימקייט אויף ברויט און קנאָבעל, ניט געוואשען ניט געקאמט, און דאָך וואס פאר א אויגען האבען זיי, וואס פאר א בליץ, וואס פאר א קלאָרע בליק! און דיא ריינע מאטע הויט — עס זעהט דאך אויס וויא אן אלטער מראמאָר, וואס איז דונקעל געוואָרען פון דער צייט. און דער ברוינער קאָליר איז דאָך אן אנטיק, א נחת צו קוקען און דיא שקצים האבען דוכט זיך מעהר הרחבה, קיינער בעליידיגט זיי ניט, דיא אוקריינער זון האט פונקט געקוקט אויף זיי, וויא אויף דיא אידישע קינדער און דאָך איז דיא הויט ניט קיין ריינע האלט זיך שטענדיג אין איין שיילען, דיא נעזער וויא קארטאָפּעל, דיא אויגען וויא קעלבערנע, אָהן א בליץ, אהן אן אויסדרוק. מיט וואָס קענט איהר דאס ערקלערען?

איהר קאוואליער האט נאר מאך געטהאָן מיט דער האנד און האט נאר ניט געענטפערט, וויא איינער זאָגט: וויס איך, וואס זיא פאנטאזירט!

13טעס קאַפּיטעל.

גאָנטאַס שבועה.

דערווייל איז אנגעקומען חדש סיון, כאָטשע דער גובערנאטאר מלאָדאנאָוויץ איז געווען זיכער, אז זיין שטאָדט איז אויסער געפאהר, נאר זעהענדיג יעדען טאָג נייע מחנות אנטלאָפּענע, וואס האבען געזוכט רעטונג אונטער זיינע פליגעל, האט ער זיך פערטראכט וועגען דער לאגע פון אומאן. פאר דער שטאָדט גופא האט ער קיין מורא ניט געהאט; נאר וואס טהוט מען מיט דיא אָנגעלאָפענע, וועלכע האבען שוין אין שטאָדט מעהר קיין פלאַץ ניט געקענט געפינען, און זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט מיט זייערע וועגען אונטער דער שטאָדט? אלע אנגעלאָפענע זיינען געקומען זוכען הילף ביי איהם און זיין פּוילישע עהרע האט געפאָדערט, אז ער זאָל זיי בעשיצען מיט זיין פאנציר. נאר וויא בעשיצט מען זיי אונטער דער שטאָדט?

װעגן דעם, דארף מען זיך גוט בעראטהען, נאר מיט װעמען? פערשטעהט זיך, אז מיט גאַנטאַ. ער קען געבען א גוטע עצה.

— העי, יאס, א ליולקע!

דער דיענער איז צונעשפרונגען מיט א פארטינע ליולקע.

— הייס שיקען נאכ׳ן פאַלקאָװניס גאַנטאַ.

— דער פאַלקאָװניק גאַנטאַ זיצט ביי אונזער פריטצע, האט דער דיענער געענטפערט.

— הייס איהם אריינקומען צו מיר, אויך זאָלסטו הייסען אריינטראָגען װיין און צװיי קיילישאַקעס.

אין א פאָר מינוט ארום האט זיך אויפ׳ן גאנעק בעװיזען גאַנטאַ, און נאך איהם האט דער דיענער אריינגעבראכט װיין און גלעזלאך.

— אה, פון גאַנטאַ! דוא מאכסט דעם האָף מיינע דאמען? האט דער נר בערנאַטאַר געזאָגט מיט א שמייכעל.

— איך בין אריין צו דער פאַנע גובערנאַטאַרשי, צו בעראטהען זיך װעגען אונזערע ארימע שעפעלאך האט גאַנטאַ געענטפערט און פערנייגט זיך.

— װעגען װעלכע אָרימע שעפעלאך?

— װעגען יענע שעפעלאך, װאס זיינען פון זשעלעזניאק׳ס רדיפות געקומען זוכען היקף אונטער דיין מעכטיגען פליגעל.

— אָה, דוא האסט געטראָפען, װאס איך דענק, איך האב טאקע צוליעב דעם נאך דיר געשיקט און געװאָלט פרעגען דיין ראטה.

גאַנטאַ האט זיך װידער פערנייגט.

— איך בין שוין געװאוינט שטענדיג צו טראכטען דאס זעלבע, װאס מיין הערשער דענקט.

— װאָס דענקסטו, דארף מען טהאָן?

— איך דענק, אז פאר אונז איז מאוס צו װארטען, אז דיא גאידאמאקעס זאָלען קומען צו אונז צו גאסט.

— ריכטיג, ריכטיג.

— און נאך מאוסער איז צו דערלאָזען, אז דיא ליידאקעס זאָלען בעליידיגען דיא אונגליקליכע, װאָס זיינען געקומען צו דיר צו לויפען בעטען היקף.

— זעהר ריכטיג, נאר װאס קען מען טהאָן?

— איך דענק, אז ווען איהר זאָלט געבען א בעפעהל אונזער פאָלק ארויס־געהן אין פעלד, וועט פ ן אומאַן און בעגעגענען ויא ליידאקעס דאָרטען......

— און קומען צוריק אלס זיעגער, חא, חא, חא! א גוטער פלאַן.

— זיעגען און אויפ'ן פלאָקען ארויפזועצען, האט גאָנטא צוגעגעבען.

— חא, חא, חא! איך בין דיר מקנא, פאן גאָנטא און ווינש צו זיין אויף דיין פלאץ.

— פאר אייך וואָלט אזא זאך געווען נידריג.

— פאר וואָס?

— פאר אייך וואָלט ניט פאססען צו שטעלען זיך געגען אזעלכע חזרים־פיהטערער.

— פיעלייכט ביזטו גערעכט, האט דער גובערנאטאָר נאכגעגעבען.

— ווען דאס זאָל זיין א סואוואָראָוו, אָ, דאמאלס איז עפעס אנדערס!

סואוואָראָווס נאמען איז שוין דאמאלס געווען בעוואוסט אין פוילען און דער לוסטיגער גאָנטא האט געוואוסט מיט וואס צו חנפ'נען זיין אייטעלען הערשער.

— אָה, דוא חנפ'עסט שוין! האט דער גובערנאטאָר געזאָגט צופריעדען. אלזאָ דענקסטו ארויסגעהן אנטקעגען דיא גאידאמאַקעס אין פעלד?

— וויא איהר וועט בעפעהלען.

— אנדערס טאָר איך ניט האנדלען, איך מוז בעשיצען דיא, וואס זיינען צו מיר געקומען זוכען הילף. האט דער גובערנאטאָר געענטפערט און איז צוגעגאנגען צום טישל, וואו עס איז געשטאנען דער וויין און האט אָנגעגאָסען ביידע גלעזלאך. איין גלאָז האט ער דערלאנגט גאָנטא.

— פאר דעם ערפאָלג פון דער עקספעדיציע געגען דיא גאידאמאקעס! האָט דער גובערנאטאָר געזאָגט און אויפגעהויבען זיין גלאָז.

פאר'ן געזונד פון דעם יאסנאָוועלמאָזשנעם פאן ראפאאיל דעספאָט מלאָ־דאנאוויטש, האט גאָנטא פון זיין זייט געזאָגט.

זיי האבען אָנגעקלאפט דיא גלעזער. ביי גאָנטא אין דיא אויגען האט א בליץ געטהאָן א פייער, וואס האט ניט געוויעזען אויף גוטס.

— וואס דארף מען איצט טהאָן? האט דער גובערנאטאָר געפרעגט.

— איצט וועט איהר געבען א בעפעהל, אז אונזער גאנצע פאָלק זאל זיך פערזאמלען, עס זאל הייסען, אז איהר ווילט דעם פאָלק בעקוקען. דערנאך וועט איהר ערקלערען, אז מיר דארפען ארויסגעהן אנטקעגען דיא גאידאמאקעס. דער

עלטסטער פון פאָלק און מיר אלע סאָטניקעס וועלען געהן אין קלויסטער, אויסהערען א געבעט און דער פאָפּ וועט אונז געבען זיין ברכה און איהר וועט אונז מאכען מוטהיגער מיט א רעדע......

— אָה, געוויס, געוויס; איך וועל אונבעדינגט ריידען. דאס גיט צו מוטה. יאס, דיא ליולקע.

וויא דער פאָלק איז ארויס, האבען אין אומאַן גענומען לויפען נייע מחנות פוילישע און אידען. מען איז געלאָפען פין אלע שטעדט, וואו מען האט ערוואַר־טעט דיא גאַידאַמאַקעס, און געהאָפּט דא צו בעהאלטען זיך פון שונא.

דיא שרעקליכע בשורות זיינען געוואקסען מיט יעדער שעה, און דיא וואס זיינען געזעסען אין דער אומאַן גופא אונטער דיא שטאַרקע טהורעמס האבען זיך אויך דערפיהלט ניט זיכער, דיא מורא איז געוואַקסען, דער גובערנאַטאָר האט גע־געבען א בעפעהל, אז מען זאָל דיא שטאָדט פערשפּאַרען, כאָטשע דיא שטאָדט האט קיין וואַסער ניט געהאט און מען האט געדארפט נאך דעם געהן א פּאָר ווערסט אונטער דער שטאָדט צום טייך קאַמונקע. מען האט געפּרופט אויסגראָ־בען אין שטאָדט א ברונען, צוויי הונדערט קלאַפטער טיעף, אבער מען האט קיין וואַכער ניט געפונען.

דערווייל איז אנגעקומען נאך א שרעקליכערע בשורה, אז גאָנטא האט זיך פעראייניגט מיט זשעלעזניאַק. דיא לעצטע האפנונג, וואס דיא אָנגעלאָפענע אונ־טער דער שטאָדט, האבען געהאט, איז אויך פערשוואונדען געוואָרען. איינע אנ־געזעהענע לייטע פון דיא, וואס זיינען געשטאנען מיט זייערע וועגע אונטער דער שטאָדט, זיינען אוועק צום גובערנאַטאָר און האבען איהם איבערגעגעבע דיא שרעק־ליכע נאַכריכט און האבען איהם געזאָגט, אז זיי האבען דאס ערפאהרען פון א ריכ־טיגע קוועלע. זיי האבען איהם געבעטען, אז ער זאל גאָנטא צוריקרופען פון פאָלק און זאל איהם גלייך היגריכטען און דערמיט ראטעווען דיא שטאָדט און דיא וואס ווארטען אויף הילף אונטער דער שטאָדט. ער האט געשיקט נאך גאָנטא און נאך אנדערע סאָטניקעס. זיי זיינען באלד געקומען, דער גובערנאַטאָר מיט א גרויסען צאָהל איינוואָהנער, איז זיי ארויס אנטקעגען און האט זיך געווענדט צו גאָנטא מיט פאָלגענדע ווערטער:

— פאן גאָנטא, מען האט מיר איבערגעגעבען, אז דוא האסט געמאכט יד אחת מיט זשעלעזניאַק. איך וויל דאס ניט גלויבען, איך זעה ניט איין, פאר וואס דוא זאָלסט דאס טהאָן.

— איך קען שוין נאר נים ריידען, אז מיך זאָל מען בעשולדיגען אין אזא פערראַטה. גאָט אין הימעל ווייס, וויא טריי און עהרליך איך האָב געדיענט אונזער גראף פאטאָצקי, און האב מיין לעבען ניט געשאָנעוועט אום צו פערדיענען דיא חסדים וואס ער האט מיט מיר געטהאן. א דאנק אונזער גראף און איך, איך האב זיך פון א פראָסטען פויער דערדיענט צו אזא הויכען אמט, וואס איהר האט מיר ביז איצט אנפערטרויט, און ביז'ן קבר וועל איך טראגען מיין דאנקבארקייט פאר אזא גנאדע.

ער האט נאך לאנג גערעדט מיט ווארימקייט וועגען זיין דאנקבארקייט צום גראף פאטאָצקי און צום גובערנאטאר מלאדאָנאוויטץ און האט זיך ענדליך צר וויינט, וואס אויף איהם האט מען אויסגעטראכט אזא שרעקליכען בלבול. זיין רייד־דען, שווערען און וויינען האבען געמאכט א גוטען איינדרוק אויפ'ן שוואכען גובער־נאטאָר, און ער האט געהייסען אָנשרייבען פאר איהם נאר א בעזונדערע שבועה און מען האט איהם געהייסען שווערען. ער האט אבער געפאָדערט, אז דיא שבועה זאָל זיין א פייערליכע און דיא גאנצע שטאָדט זאל זיין אנוועזענד. פון דריי קלויסטערס זיינען ארויסגענאנגען דיא גלחים מיט צלמים און בילדער אין דיא הענד און ער האט געשוואָרען, אז ער וועט בלייבען טריי זיין גראף און דער שטאָדט.

נאך דער שבועה איז ער אוועק צו זיינע קאזאקען.

14טעם קאפיטעל.

גאָנטא אַ פעררעטהער

א טאָג איז אריבער און פון גאָנטא און פון דיא קאזאקען האט מען נאָר נים געהערט. דערפאר אבער האבען זיך דיא גאידאמאקען געלאָזט הערען און דיא נאכריכטען וועגען זיי זיינען געווען איינע פון דער צווייטער, שרעקליכער.

וואס איז מיט גאָנטא? וואס איז מיט'ן פאלקאָווניק אבוך אליין? וואו זיינען דיא איבריגע סאָטניקעס און קאזאקען? א שרעקליכע חשד האט זיך גענומען פער'גנב'ענען ביי דעם און ביי יענעם אין הארצען. דער פערדאכט איז איבער־געגאנגען פון איינצעלנע פערזאָנען צו דער גאנצער מאסע. פון אונטער דער שטאָדט אין שטאָדט.

— וואָס טהוט מען? וואס מאכט מען? מען דארף זיך גרייטען צום טוידט! נאר דיא האָפנונג פערלאָזט ניט דעם מענשען אפילו ווען דער טוידט ליעגט שוין

אויף דער נאַז. דיזע האפנונג האט געצוואונגען דיא רייכע איינוואָהנער פון אומאַן צו פערגראָבען אין דער ערד געלד און חפצים. פאר וואס? פאר ווען? פיעלייכט, אז דאס זאָל ניט אריינפאַלען אין דיא הענד צו דיא באַנדיטען; און פיעלייכט... ווער ווייס......

דערווייל איז פערבליבען נאר איין טרייסט דאס איז צו בעטען גאָט.

דער שרעק איז געוואקסען מיט יעדען טאָג, מיט יעדער שעה, דרייא טאָג זיינען אריבער אין א שרעקליכע ערוואַרטונג. דיא היטץ איז געווען אונערטרעגליך און אין שטאָדט איז אויסגעגאַנגען דאס וואַסער.

דאַן האט דיא שטאָדט געשיקט א דעפוטאַציע צום גובערנאַטאָר און גע־בעטען איהם, ער זאָל דיא פרויען און קינדער אָבשיקען אין טאַרגאָוויץ, וואס איז געלעגען אויף דער סאַמע רוסישער גרענעץ.

— זאָלען כאָטש דיא פרויען און קינדער פערבלייבען פון דער פארשטעהענ־דער הריגה און זאָלען געפינען א בעשיצונג אונטער דער רוסישער מאַכט.

דיא לעצטע טעג האָבען שטארק געענדערט דעם גובערנאַטאָר. ער האט פערלאָרען דעם קאָפּ און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאָן.

— אז איהר ווילט, האט ער געענטפערט מיט א דערשלאָגענעם קול, שיקט אוועק אייערע פרויען און קינדער...... זאָלען מיינע קינדער אויך מיטפאָהרען. איך אליין וועל פערבלייבען אויף מיין פאָסטען.

מען האט אין דער גיך געשפּאַנט פערד און פערפּאַקט דיא סאַמע טהייערע חפצים. קאָהען האט אויך בעשלאָסען אוועקצושיקען זיין ווייב, רחל'ן און שרה'קען. נאר רחל האט געענטפערט, אז זיא וועט פערבלייבען אין שטאָדט.

— אויב אונז איז בעשערט צו שטאַרבען, וועל איך שטאַרבען צוזאַמען מיט'ן פאָטער, האט זיא זיך איינגע'עקשנ'עט.

— נאר דוא וועסט מיט דיין זיין אונז קיין שום טובה ניט טהאָן, און דוא וועסט אונז נאָך שטערען האט שמשון מיט איהר גע'טענה'ט.

— איך וועל אייך ניט שטערען.

— מיר וועלען זיין פערנומען מיט'ן בעשיצען דיא שטאָדט און ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט וועלען מיר דיא געווער פון דיא הענד ניט ארויסלאָזען, האט איהר אפרים געזאָגט.

— און וואס בין איך ניט קיין אידיש קינד? איך וועל אויך עפּעס קענען טהאָן.

— נאר דוא ביזט א שוואכע פרויענצימער, האט מאשע געזאגט.

— וועל איך טהאן פיעל מיינע כוחות וועלען ערלויבען.

און זיא איז געבליבען ביי דאס איהריגע.

ווען אין שטאדט איז מען געוואר געווארען, אז דיא רייכע פרויען און קינדער זיינען אנטלאפען פון אומאן, האט מען זיך פון דער גאנצער שטאדט א שאס געטהאן צום שלאס מיט א געוויין:

— דיא רייכע אנטלויפען, און וואו וועלען מיר ארימע זיך הינטהאן? מיר האבען ניט קיין פערד און קיין וועגען ..... וואס וועט ווערען פון אונזערע קינדער?

און דער גובערנאטאר האט צוריקגעצויגען זיין ערלויבנים. ער האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, וויא איינער זאגט: „אז שטארבען, זאלען מיר שטארבען אלע״.

דאך האבען זיך אין שטאדט געפונען אזעלכע, וואס זיינען ניט געווארען אזוי אבהענדיג, וויא דער גובערנאטאר, צוויי מענשען האבען זיך דארטען געפונען, וואס האבען געקענט אבראטעווען אומאן, ווען מען וואלט זיי געפאלגט אדער ווען מען וואלט אנגענומען זייערע עצות. דיא צוויי זיינען געוועןן: קסאווערי שאפראנסקי און שמשון קאהען.

שאפראנסקי איז געוועזען אן אינזשעניר און איז געוועזען געשיקט פון פאטאצקי אין אומאן אויכצומעסטען דיא ערד. אין דיא יונגע יאהרען האט ער געדיענט ביי פריעדריך דעם גרויסען און גענהמענדיג אנטהייל אין דיא אפטע מלחמות, וואס פריעדריך האט געפיהרט, האט ער גוט געלערנט דיא קונסט פון קריעג.

ווען קיינער האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן, האט דיזער שאפראנסקי ניט פערלארען דעם קאפ.

אויב שמשון קאהען איז ניט געבליבען אבהענדיג פון דיא אלע שרעקליכע נאכריכטען, ווען דיא נאכריכט וועגען גאנטאס פעראטה האט איהם דערגרייכט, איז איהם ארויף אויפ׳ן זינען, אז מען קען דיא חזרים־פיהטערער בייקומען אהן גאנטאס הילף. ער און זיינע צוויי בריעדער האבען אויפ׳ן שוהל־הויף פערזאמעלט אלע יינגע לייט פון אומאן, וואס האבען נאר געקענט טראגען געוועהר און האט זיך צו זיי געווענדעט מיט אן אויפפלאמענדע רעדע:

מיר געפינען זיך אין שטאדט, מיר זיינען בעשיצט מיט שטארקע פארקענס און טהורעמס, מיר האבען הארמאטען, ביקסען און אלערליי געוועהר, פאר וואס זאלען מיר ניט קענען בעשיצען אונזער שטאדט. צו דען אין דיא טויזענדער יאהרען

פון אונזער גלות, איז אין אונז אָבגעשטאָרבען דער גייסט פון א יהושע בן נון פון א יהודא המכבי? לאָ'מיר דערוויזען דיא באנדיטען, אז דער גלות האט אונז ניט אָבגעטעדט אונזער עהרע און אונזער מוטה. לאָ'מיר דערוויזען, אז דער אידישער מוטהיגער גייסט לעבט נאך אין אונז, וויא אין דיא גוטע אלטע צייטען. לאָ'מיר געהן אין ציטאָדעל און בעטען, מען זאָל אונז אנטהיילען מיט געוועהר. לאָ'מיר מאכען אן אייגענעם אידישען פאָלק און בעטען שאפראנסקי, ער זאל אונז אויס־לערנען דיא תכסיסי מלחמה און זיין גרייט צו בעשיצען אונזערע טאטעס, מאמעס און שוועסטער!

— קוממט, בריעדער, קוממט צום ציטאדעל! האבען אלע געענטפערט אין איין קול.

און דיא גאנצע אידישע מחנה האט זיך געלאָזט געהן צום ציטאדעל, צו יענעם טהורעם, וואו שאפראנסקי האט זיך געפונען און דורך א טעלעסקאָפ גע־קוקט אין דיא סטעפעס, פון וואנען מען האט ערווארטעט דיא גאידאמאקעס.

באלד זיינען צו דיא אידישע יונגע לייט צוגעקומען עלטערע אידען, און צו־זאמען האבען זיי פאָרמירט א פאָלק, וואס האט געקענט ראטעווען אומאן, ווען דיא קאָנפעדעראטען און דיא איבריגע פוילישע, וואס האבען זיך געפונען אין שטאָדט וואלטען זיי אונטערגעשטיצט, און ווען זיי וואָלטען אזוי העלדיש געשטיצט שאפראנסקי, וויא דיא אידען האבען דאס געטהאן. *)

און אויף אזא אופן, ווען אין דיא לעצטע טעג איז דער פחד אָנגעפאלען אויף דיא, וואס האבען זיך געפונען אין אומאן, און דיא פוילישע גלוביגע האבען געזוכט א טרייסטונג אין „סווענטא קשיזש", האבען דיא אידען אונטער דער פיהרער־שאפט פון שאפראנסקי זיך צוגעגרייט, וויא צו בעשיצען דיא שטאָדט און האבען זיך פון אין דער פריה געלערנט שיסען און דיא אלע אנדערע תכסיסי מלחמה.

דעם 8טען יון אין דער פריה, ווען דאס לערנען שיסען האט זיך געענדיגט, האט זיך שאפראנסקי און שמשון קאָהען אויפגעהויבען אויף דיא טרעפ אין טהורעם און האבען איינער נאָכ'ן צווייטען געקוקט אין טעלעסקאָפ. פלוצים האט זיך אויפ'ן טראקט, וואס פיהרט צו זווענינאָראָד, אונטער'ן וואלד בעוויזען א וואָלקען שטויב.

---

*) דיא פוילישע שרייבער, וואס האבען געלעבט אין יענער צייט, לויבען זעהר שטארק דעם קליינעם פאָלק אידען.

— איך זעה דאָרטען שטויב, נאָר איך ווייס ניט, פון וואנען עס קומט: קיין ווינד איז איצט ניטאָ, האט שאפּראנסקי געזאָגט פאן סאמסאָן, גיב דוא א קוק ביי דיר זיינען דיא אויגען פיעל פרישער פון מיינע.

שמשון האט גענומען קוקען.

— איך זעה, אז דאָרט ריהרט זיך עפּעס, האט ער געזאָגט.

— אפשר קומען אן נייע מענשען זוכען הילף? ציהען זיך דארטען וועגען? האט שאפּראנסקי געפרעגט.

— ניין, דוכט זיך, רייטער...... יא, איך זעה רייטער.

— זעהן זיך ניט דאָרטען פאָהענס, צייכענס?

— איך זעה פאָהענס, צייכענס.

— וואס פאר א קאָליר?

— עס איז שווער צו זעהן.

שאפּראנסקי איז צוגעגאנגען צום טעלעסקאָפּ.

— איך זעה, איך זעה, — דאס זיינען אונזערע קאזאקען, האט ער געזאָגט מיט שמחה.

— זיי געהן אהער?

— ניין, דוכט זיך...... זיי האבען זיך אָבגעשטעלט...... איך זעה גאָנטאס פערד — א ווייסער. מסתמא, האבען זיי פון דיא באנדיטען געמאכט א תל.

— נאָר פאר וואס האבען זיי זיך אָבגעשטעלט? האט שמשון געפרעגט.

— זיי האבען זיך אָבגעשטעלט פונקט נעבען דיא וועגען פון דיא אנגלעאָפענע, וואהרשיינליך דערצעהלען זיי פון זייער זיעג איבער דיא באַנדיטען,

— הלואי, האט שמשון זיך אָבגעזיפצעט מיט ערלייכטערונג.

— איצט זעה איך וויא זיי שטעלען זיך אויס מיט׳ן פראָנט צום זוועניגאָראָדער וועג, האט שאפּראנסקי ווייטער מיטגעטהיילט זיינע בעאָבאכטונגען.

שמשון האט אנגעשטרענגט זיינע אויגען און האט געזעהן כמעט דאס זעלבע אבער ניט דייטליך.

— יא, זיי שטעלען זיך איצט אויס מיט׳ן פליגעל צום שטאָדט.

— נאָר וואס איז דאס? האט שאפּראנסקי אויסגעשריען. איך זעה, עס הויבט זיך אויף נאך א וואָלקען שטויב.

— אָט דאס מוזען זיין דיא גאידאמאקעס: דיא קאזאקען ווארטען אויף זיי, און דיא געשלעג וועט געהן אויף פּיקעס, האט בעמערקט דער יונגער קאָהען.

— יא, דאס זיינען זיי, דאס זיינען דיא גאידאמאקעס; זיי טראָגען ניט קיין אוניפאָרם האט שאפראנסקי צוגעגעבען.

— דארטען קומען אן פוס־געהער, ניט ריכטיג?

— יא, דאָרטען זיינען פוס־געהער...... אָט האבען זיך דיא רייטער אָבגע־נעשטעלט פנים לפנים מיט דיא קאָזאקען...... וואס איז דאס? ניט דיא ניט יענע זייט מאכען קיין אָנפאל?...... דאס מוז זיין זשעלעזניאק, וואס איז ארויסגעטראָ־טען פאָראויס פון פראָנט פון דיא גאידאמאקעס.

— רייטענדיג, דוכט זיך? האט שמשון געפרעגט.

— יא, און אויך אויף א ווייסען פערד...... נאר וואס איז דאס?

— וואס איז?

— זיי זיינען ביידע אראָב פון דיא פערד, זיי געהן איינער צום אנדערן...... מיין גאָט! וואס זעה איך?

— וואס איז? וואס איז? איך זעה אויך.

— זיי נעהמען זיך ארום — זיי קושען זיך — א פערראטה! א פערראטה!

דער טעלעסקאָפ איז ארויסגעפאלען ביי שאפראנסקי פון דיא הענד. דער יונגער קאָהען האט איהם אונטערגעכאפט.

— יא, זיי ריידען — פאָכען מיט דיא הענד — זיי ווייזען אויף דיא פוהרען מיט דיא אָנגעלאָפענע — האט שמשון פיעבערהאפט איבערגעגעבען זיינע בעֿ־מערקונגען.

— לאָז מיר, ליעבער צו.

שאפראנסקי האט גענומען קוקען.

— נו, וואס? האט שמשון געפרעגט אונגעדולדיג.

— איך זעה, איך זעה...... דער באנדיט האט ארויסגעצויגען דעם שווערד.

— ווער? גאָנטא? זשעלעזניאק?

זשעלעזניאק! אָט האט ער מיט'ן שווערד א פאָך געטהאָן איבער א וואָ־גען...... דיא באנדיטען האבען זיך א וואָרף געטהאָן אויף דיא פוהרען......

— שמע ישראל! דאָרטען זיינען מעהר אונזערע — אידען.

— א הריגה...... א הריגה......איך זעה, וויא מען קוילעט אוים מענשען, וויא שעפסען...... מען שאנעוועט ניט קיינעם......

— גאָט! גאָט! האט שטיל געקרעכצט דער יונגער קאָהען.

— אן אויסשלאכטונג! אן אויסשלאכטונג! אלעס געענדיגט. קום, מען דארף זעהן בעשיצען דיא שטאָדט, האט שאפּראנסקי געזאגט מיט א פלעצליכע ענערגיע.

— קומט! האט שמשון ווידערהאָלט. אָה, פערפלוכט זאָל זיין דער פערראעטהער!

— מאך פארטיג דיין פאָלק צום שלאכט...... איהר וועט פערהיטען דעם צאם... דיא „ליזנעס" וועלען זיין מיט אייך..... איך וועל זיין ביי דיא הארמאטען.

ביידע האבען זיך געשווינד א ווארף געטהאָן פון טהורעם.

— אידען! קומט זיך פערטהיידיגען! קומט זיך פערטהיידיגען! האט דער יונגער קאָהען געשריען, לויפענדיג געשווינד איבער'ן מארק, וואס איז געווען פול מיט מענשען.

15טעס קאפּיטעל.

רחל דיא צווייטע יהודית.

אונטער דער שטאָדט האבען דיא גאידאמאקעס אויסגעקווילעט ביז איינעם. זעקס טויזענד מענשען און במעט דורכאויס אידען.

נאך דער הריגה זיינען דיא גאידאמאקעס צוגעטראָטען צו דער שטאדט. א טהייל פון זיי האבען זיך גלייך א ווארף געטהאָן אויף דיא טהויערען פון שטאָדט, צום בריק וואס איז געווען אויפגעהויבען.

שאפּראנסקי איז געשטאנען נעבען דיא הארמאטען אויפ'ן טהורעם איבער'ן טהויער, און האט מיט א שארפען אויג נאכגעקוקט דיא מחנה, וואס האט זיך געוואָרפען צום טהויער, כדי אריינצורייסען זיך מיט גוואַלד. פריהער פון אלע איז געפאָהרען שילאָ רייטענדיג און האט געפאָכט מיט זיין שווערד. דיא אידען און דיא „ליזנעס" זיינען געלעגען אונטער'ן צאם מיט אָנגעלאָדענע ביקסען און האבען נאכגעקוקט, וויא דיא גאידאמאקעס טרעטען צו.

— אָה, אפרים! — דאס איז ער! האט אויסגעשריען קאהענס איינגערער זוהן, וועלכער האט צוזאמען מיט שמשון און אפרים נאכגעקוקט דיא אָנפאלער דורך דיא שפּאלטען פון דעם צאם.

— ווער ער? האבען געפרעגט שמשון און אפרים מיט א מאָל.

— דער וואס פאָהרט פריהער פון אלעמען אויפ'ן פערד.... דאס איז דאך דער בלינדער בעטלער וואס האט ביי אונז געזונגען....

— יא, דאס איז ער.

— ער! ער! אָה, דוא מערדער!

אויפ׳ן טהורעם האט זיך דערהערט שאפּראנסקי׳ס שניידענדע שטימע, ער האט געגעבען א בעפעהל. א ווייטער שנירעל רויך האט זיך א דרייה געטהאָן און עס האט געגעבען א קלאפּ פון דיא הארמאטען. איינינע גאידאמאקעס זיינען אנידערגעפאלען.

— לעבעדיגער, חברה! האט דער כלומערשדיגער בלינדער אויסגעשריען אדער אריין אדער גאר ניט־זיין!

עס האט געגעבען א צווייטער קלאפּ און דיא אָנפאלענדע האבען א ציטער געטהאָן. אונטער שילא האט זיך דאס פערד א הויב געטהאָן אין דער לופטען. פיעלע האבען גענומען לויפען צוריק.

— נעהמט צו דיא געפאלענע! האט שילא א געשריי געטהאָן.

דיא פערוואונדעטע און דער־הרג׳עטע האט מען געשווינד צוגענומען.

פערפלוכטע ליאכעס, האט זיך שילא פערמאָסטען מיט׳ן שווערד געגען שאפּראנסקי און דיא וואס זיינען געשטאנען נעבען דיא הארמאטען. מיר וועלען באלד צוריק קומען, און נעהמען זיך צו אייך.

דיא בעלאגערטע האבען זיך צוגעגרייט צו בעגעגנען ווארעם דיא אונ:ערופע־נע געסט. שאפּראנסקי איז געשטאנען ביי דיא ניי־אָנגעלאָדענע הארמאטען, און דיא אידען מיט דיא „ליזנעס“, ארויסרוקענדיג דיא ביקסען דורך דיא שפאלטען פון פארקאן, האבען געווארט אויף זייער רייהע.

— האט ווערעָניקא געזאָגט טאקי ריכטיג, אז דער זעלביגער גאידאמאק איז דאמאלס געוועזען ביי אונז אלס א פערשטעלטער בעטלער, האט ישמשון געזאָגט.

וויא נאר מען האט זיך אין שטאָדט דערוואוסט, אז גאָנטא איז איבערגע־גאנגען צו דיא גאידאמאקעס, זיינען פון אלע קלויסטערס ארויסגעגאנגען דיא גלחים אנגעטהאָן אין זייערע קירכענקליידער, מיט צלמים און בילדער אין דיא הענד און האבען גענומען געהן איבער דער שטאָדט. נאך זיי זיינען נאָכגעגאנגען דיא קריסט־ליכע איינוואָהנער פון שטאָדט און דיא לופט איז פול געוואָרען מיט יאָמער און געוויין.

דיא אלטע אידען, ווייבער און קינדער זיינען אוועק אין שוהל און האבען אויפגעריסען דעם הימעל מיט זייער וויינען און בעטען.

דערווייל האבען זיך דיא גאידאמאקעס ווייטער צוגערוקט צו דער שטאָדט, מיט דיא גאידאמאקעס זיינען צוגעקומען דיא אומאנער קאזאקען.

— גרייט זיך, ברידער! האט שמשון קאהען צוגעגעבען מוטה, געהענדיג ארום דעם פארקען. איצט איז אונזער רייהע ...... צילעוועט זיך גוט אין דיא באנדיטען — זאל יעדע קויל ברענגען א טוידט אויף זיי.

— צילעוועט זיך גוט, איהר איניקלאך פון והשוע בן נון, האט ווידערהאלט שמשונ׳ס ווערטער ליבע דער מלמד און האט געטרייסעלט מיט זיינע פייערדיגע פאות׳ן.

— זיי נעהען! זיי געהען! אה, יהודא המכבי, גיס אויס דיין גייסט אויף דיינע קינדער! האט אויסגעשריען דער שטארקער מאשע מאבער.

דיא נאידאמאקעס האבען זיך איינגעטהיילט אין צווי טהייל: איין טהייל האט זיך גערוקט צו דיא טהויערען פון טהורעם, און דיא צווייטע האט זיך א כאז געטהאן צום פארקאן אריבערקריכענדיג דורך דיא גריבער.

שאפראנסקי האט ווייטער מיט דיא הארמאטען בעגעגענט דעם טהייל, וואס איז געגאנגען צום טהויער און דער צווייטער טהייל איז בעגעגענט געווארען מיט דער שיסעריי פון ביקסען. דאס מאל זיינען געפאלען פיעל מעהר נאידאמאקען. דיא הארמאטען האבען אויסגעלייגט א גאנצע גאס הרוגים צווישען דיא אונגער־לומפערטע מחנה נאידאמאקעס, און דיא אידישע קוילען האבען שארף געטראפען דיא אנפאלער און דער׳הרג׳עט אויפ׳ן פלאץ און פערוואונדעט א סך, און אבגע־ווארפען זיי אהינטער צוריק אין דיא גריבער.

דאס איז געווען יענער בעריהמטער ווידערשטאנד געגען דיא נאידאמאקעס וועגען וועלכע דיא בעטלער זינגען נאך עד היום אין אוקריינע:

„אוי, איז זשעלעזניאק געקומען צום טהויער
און האט געכאפט א נוטען ברוך הבא...“

— איך דאנק אייך, איך דאנק אייך, מיינע ליעבע תלמידים! האט שאפ־ראנסקי מיט שמחה געשריען פון טהורעם צו דיא אידען, וועלכע האבען ווידער אנגעלאדען דיא ביקסען, וואס האבען נאך גערויכערט.

דער צווייטער און דער דריטער אנפאל איז אויך אזוי אבגעשלאגען געווארען דיא צוקאכטע נאידאמאקען האבען זיך וויא משוגעים געווארפען פון שלאס און האבען זייער כעס אויסגעלאזט אויף דיא אונשולדיגע איינוואהנער פון דיא פאר־שטעדלאך. בלוט האט זיך געגאסען טייכענווייז.

דענאך האבען זיי זיך ווידער אומגעקעהרט מיט א פערדאפעלטען און דריי־פאכען וואוט און האבען זייער אנפאל פערשטארקט מיט א שיסעריי פון הארמאטען

און ביקסען. דיא קוילען זיינען געפלויגען איבער דיא קעפּ פון דיא שטעדטישע איינוואהנער, וועלכע זיינען פאר שרעק ארומגעלאָפען וויא וואהנזיניגע און האבען פערטריבט דיא שטאָדט מיט זייער וויינען און קלאָגען. נאר מיט וואס פאר א וואוט דער אָנפאל איז געמאכט געוואָרען, אזוי ענערגיש איז געוועזען דיא בעשיצונג. דיא אונערמיעדליכקייט פון דיא אידען איז געוועזען צו בעוואונדערן. דיא מוטערס און שוועסטערס האבען זיי געבראכט עסען, נאר זיי האבען זיך דערפון כמעט וויא אָבגעזאָגט.

— אביסעל וואסער! א שלוק וואסער! האט זיך געהערט צווישען דיא, וואָס האבען פערטהיידיגט דיא שטאָדט.

נאר קיין וואסער איז אין אומאן ניט געוועזען.

עס איז געוואָרען אבענד. דער אָנפאל איז געוואָרען שוואכער, שאפּראנסקי האט פון טהורעם געזעהן, אז דיא גאַידאמאקעס מאכען ביי זיך א לאגער געצעלטען. איבערהויפּט האט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען א גרויסער געצעלט מיט און אויס־געהאנגענער איבער איהם פאָהנע פון רויטען קאָליער, מיט א שווארצען צלם.

און דיעזע געצעלט און דיעזע בלוטיגע פאָהנע האט מען געזעהן אפילו פון שטאָדט.

באלד האט מען דאָרטען אין לאגער גענומען מאכען פייערן.

דיא נאכט איז אָנגעקומען, דיא זיעדליכע נאכט, א פינסטערע, שטילע און הייסע. דיא בעלאגערטע האבען ניט געשלאָפען: דיא קריסטליכע אלטע לייט ווייבער און קינדער האבען געהאלטען אין איין ארומגעהן איבער דער שטאָדט אין א קרייץ־צוג אין וויינען און קלאָגען; דיא אידען דיא אלטע, דיא ווייבער און קינדער זיינען געשטאנען אין שוהל און האבען געבעטען. דיא יונגע, דיא בעשיצער פון שטאָדט זיינען געשטאנען נעבען דיא אָנגעלאָדענע הארמאטען אין דיא טהורעמס, און איבער'ן טהויער, אדער זיי זיינען געלעגען בעהאלטען אונטער דעם פּלאנקען מיט דיא ביקסען אין דיא הענד. אין דעם לאגער פון דיא גאַידאמאָקעס האבען דיא פייערן געלויכטען און שאָטענס האבען זיך ארומגעדרייט אין אלע זייטען: אייניגע האבען בעגראָבען דיא גע'הרג'עטע חברים; אנדערע האבען געקאָכט צום עסען; און נאך אנדערע האבען געטרונקען און געהולעט.

נאר אין איין פּלאץ פון שלאָס, ווייט פון טהויער האט זיך א שאָטען שטיל אריבערגע'גנב'עט איבער'ן הויכען פּארקען און קיינער האט דאס ניט בעמערקט. וויא א רעשיל האט ער זיך אראָבגעקייקעלט אין גרוב, און דערנאך

ווייטער ארויפגעקראָכען אויפ'ן ערדוואל און האט זיך געלאָזט געהן אין דער ריכ־טונג צום לאַנגער פון דיא גאידאמאקעס און געהאלטען זיך אין דער פינסטער. דער שאָטען האט זיך דא אָבגעשטעלט, דא אנידערגעלייגט זיך אין דער ערד און געקראָכען אויף אלע פיער, דערנאָך ווייטער אויפגעהויבען זיך און ווייטער געגאנ־גען. מען האט געקענט בעמערקען, אז דער שטן האט זיך גערוקט צו יענעם פּלאץ וואו עס איז געשטאנען דער גרויסער געצעלט מיט דער בלוטיגער פאָהנע און שווארצען צלם. דער שטן האט זיך אלץ נעהענטער און נעהענטער צוגערוקט צו דעם געצעלט. פּלוצים האט ער זיך ווייטער אָבגעשטעלט און אנידערגעלייגט זיך אויף דער ערד. א שטונדע לאנג האט זיך דער שאָטען ניט גערוהרט. דיא פער־נאנדערגעלעגטע פייערן האבען גענומען אויסגעהן. דיא בעוועגונג און דער גערויש אין לאַגער האבען גענומען אָבשטארבען; אלץ טונקעל און טונקלער איז געוואָרען דער פלאם, וואס האט בעלויכטען דעם גרויסען געצעלט מיט דער בלוטיגער פאָהנע. אט געהט דאס פייער אין גאנצען אויס.

דער שאָטען אויף דער ערד האט זיך גענומען ריהרען און בעוועגען זיך ווייטער און ווייטער, אלץ נעהענטער צום גרויסען געצעלט. אָט איז ער שוין גאר נאָהענט פון דאָרטען.

פּלוצים איז אזוי וויא פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען א צווייטער שאָ־טען און איז צוגעלאָפען צום ערסטען און אָנגעכאַפּט איהם מיט ביידע הענד.

— ווער ביזטו? ווער גנב'עט זיך דאס ביי נאכט, וויא א ניט־גוטער שטיל. דער ערשטער שאָטען מאַטערט זיך ארויסצורייסען.

— חם, גוטער חם, לאז מיך, מורמעלט דער ערסטער שאָטען.

— ווער ביזטו? זאג!

דאס אויסגעהענדע פייער האט זיך אויף א סעקונדע א הויב געטהאָן און האט בעלויכטען א שעהנע געזיכט פון א יונג מיידעל.

— פאַנענקעלע! דאס זייט איהר? האט דערשראָקען און נאך שטילער א מורמעל געטהאָן יענער, וועלכען מען האט גערופען חם.

— איך .... חם ...... אָה, לאָז מיך לאז מיך!

— רחל'ע! פאַנענקעלע! פישעלע! וואס איז אייך געשעהן? וויא קומט איהר אהער, אין דיעזען גהינום?

— חאָמאָ! טייבעלע! לאז מיך! — איך בין געקומען הרג'ענען דעם באנדיט!

— ועמען פאַנענקעלע?

— זשעלעזניאק'ן.

חם האט געשווינד פערשטאפט רחל'ען דאס מויל. דאס איז געווען רחל.

— פאנענקעלע! פישעלע! קומט אוועק פון דאנען! האט נאך עטילער געמור־מעלט חם. דא שלאפט מען און מען וועט אייך דער'הרג'ענען.

ער האט איהר אבגעפיהרט אן א זייט.

— פאנענקעלע! פישעלע! לויבטעלע! האט דער גאידאמאק געמורמעלט, קוסענדיג איהר דיא הענד. איהם קען מען ניט הרג'ענען — איהם נעהמט קיין קויל ניט.

— איך וועל איהם קוילענען, האט זיך רחל געבעטען.

— באטשבי קוילען וועט ניט העלפען. וועט ניט זיין זשעלעזניאק, וועט בלייבען גאנטא, שילא, נעזשיווי, שוואטשקא — אומאן וועט אלץ איינס געהן קאפוט נאר אייך וועט זיין נאך ערגער. אייך וועט מען הרג'ענען און קיין גוטס וועט ניט ארויסקומען. איך האב מורא פאר אייך, לויבטעלע!

— אה, נאט! האט זיך ביי איהר פון הארצען ארויסגעריסען א קרעכץ.

— וויינט ניט, לויבטעלע, פישעלע! וויינט ניט! האט שיער אליין ניט גע־וויינט דער גאידאמאק, געהט אין שטאדט, איך וועל אייך אבפיהרען...... ניין, דארטען וועט מען אייך דער'הרג'ענען...... איך וועל אייך בעסער דא בעהאלטען אין דיא קוסטעס אונטער'ן בארג.

— ניין, איך וויל בעסער שטארבען מיט מיינע, איך בין גרייט צום טוידט, האט רחל געענטפערט.

דער גוטמוטהיגער אבער נארעשעוואטער גאידאמאק האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן.

— וויא ק־ע־ע־ען מען דאס? פאנענקעלע! לויבטעלע! איך וועל געהן מיט אייך.

און ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפער, וויא אין פיעבער, האט ער רחל'ען געפיהרט פאר דער האנד.

— איך וועל שטארבען צוזאמען מיט אייך...... איך וויל אהן אייך ניט לע־בען...... איהר זייט אזוי גוט...... האט ער געמורמעלט.

— פאר וואס־זשע ביזטו אזא גוטער אוועק צו זיי, האט רחל געפרעגט.

— פאנענקעלע, מען האט ניט געקענט ניט געהן — אלע זיינען געגאנגען בין איך אויך געגאנגען. אך, פאנענקעלע מיינע! זוגעלע פיינע!

נאר אָט איז דיא שטאָדט — דער ערדוואל, דיא גרוב, דער צאַם.

חם האט פּאָרזיכטיג אונטערגעהויבען רחל'ען אויפ'ן פלאנקען און ווען זיא האט געגומען אראבשפרינגען האט זיך דערהערט א שאָס און חם האט אפילו קיין געשריי ניט ארויסגעלאָזט און איז אנידערגעפאלען א טוידטער.

אין דער פריה האט מען אין גרוב דערזעהן זיין טוידטען קערפּער.

רחל איז אין דער פריה צוגעקומען צום פלאנקען און האט א קוק געטהאָן אין גרוב.

אָרימער חם! האט זיא שטיל געמורמעלט און האט אויסגעווישט דיא טרער־רען, וואס האבען זיך בעוויזען אויף איהרע אויגען. איך, נארעשע מיידעל, בין שול־דיג אן דיין טוידט. מיט דיין לעבען האסטו בעצאהלט פאר'ן נארישען געדאנק, וואס מיר איז ארויפגעקומען, אז איך בין דיא צווייטע יהודית.

16טעס קאפּיטעל.

אומאַן איינגענומען.

אין דער פריה האבען דיא גאידאמאקען געגומען ווידער שטורמען דיא שטאָדט מיט מעה־תקיפות. נאר בעגעגענדיג נאך א שטארקערען ווידערשטאנד פון דיא בעלאגערטע און איבערהויפּט זעהענדיג אז דיא גאידאמאקען פאלען וויא פליעגען נעבען דעם פּארקאן, פון וואנען דיא אידען האבען געשאָסען, האט זשעלעזניאק געהייסען צונויפטרייבען אין אומאן דיא פּויערים פון דיא ארומיגע דערפער, סיי יונג סיי אלט און ער האט זיי געגעבען א בעפעהל, אז זיי זאָלען אונטערהאקען דעם פארקען, ניט קוקענדיג אויף דיא הייסע שיסעריי.

פּלוצים האט זיך דערהערט א געשריי פון א פּרויענצימער און באלד קולות פון אלע זייטען.

— דיא „ליזנעס" האבען פערראטהען! דיא ליזנעס זיינען איבערגעגאנגען צו דיא גאידאמאקען.

דער געשריי איז געווען רחל'ס. זיא האט דערזעהן, אז דער פלאנקען איז אין איין פּאַרט איינגעבראָכען. דורך וואנען דיא ליזנעס זיינען אויפ'ן בעגינען אנטלאָפען צו דיא גאידאמאקעס. איצט זיינען דיא ליזנעס געגאנגען צוזאמען מיט דיא צונויפגעטריבענע פּויערים פון דיא ארומיגע דערפער איינהאקען דעם צאַם.

אין דערזעלבער צייט איז אפרים געקומען צולויפען אהן אן אטהעם און בע־קאנט געמאכט פון א נייעם אונגליק.

אלע ארעסטאנטען זיינען זיך צולאָפען, האט ער געמעלדעט.

— וויא אזוי? האבען אלע געפרעגט אין איין קול.

— דיא וועכטער דיא ליזנעס זיינען זיך צולאָפען. דיא ארעסטאנטען זיינען געבליעבען אהן שומרים. זיי האבען אויסגעריסען דיא טהירען, איינגעבראָכען דעם טהויער. ....

— אָט זיינען זיי שוין אונטער דיא גריבער, האט איינער בעמערקט.

— ברידער! האט שמשון אויסגעשריען און דיא אויגען האבען געבליצט מיט כעס, פערליערט נאר ניט דעם מוטה, און אלעס וועט נאך זיין גוט, מיר וועלען נאך דיא פלשתים געבען געגוג פעפער שמעקען.

און אלע האבען זיך גענומען לעבעדיגער אבצוטרייבען דיא שטורמענדע פוירים.

— איך שטארב פאר א קאָפ וואסער? האט לייבע דער מלמד געזאָגט. איין שלוק און איך וואָלט נאר אן אנדער מענש געוואָרען.

— וואס טרינקען זיי דאָרטען האט משה מנקר געפרעגט, וויזענדיג צו דער שטאָדט.

— דוכט זיך, וויין, האט א דריטער בעמערקט.

אום צו לעשען דעם דאָרשט, האט מען פון דיא סקלעפעס ארויסגענומען וויין און מען האט עס געטרונקען אנשטאָט וואסער. אויך האט מען בעקומען פון דיא סקלעפעס פערשיעדענע מעדען, גאליוועקעס, מיט וועלכע דיא אידען פון אומאן האבען געהאנדעלט און מען האט מיט דעם אָבגעפרישט דיא פערברענטע פון דאָרשט העלזער. וואסער איז ניט געווען קיין טראָפען.

— איך וואָלט א געגעזעגטער געוואָרען פון א גלעזעל וויין, האט לייבע דער מלמד געזאָגט.

— וויין טאָר מען איצט ניט טרינקען, האט שמשון געזאָגט, מיר וועלען גאָר ניט וויסען אויף וואָסער וועלט מיר זיינען.

— אך, איך ווער פערשרפ'עט!

— אוי, איך ווער א פערברענטער!

— דיא צונג רייסט זיך מיר אָב!

— בעסער זעקס טעג הונגערן איידער איין טאָג ניט טרינקען.

— ניט אבטונג! זיי לויפען וויטער שטורמען! האט זיך דערהערט שמשון'ס קול.

אלע האבען פערגעסען זייער דורשט און צולעגענדיג זיך צו דיא ביקסען, האבען זיי זיך גענומען צילעווען.

— הורראַ! הורראַ! האט זיך געהערט א ווילדער געשריי פון יענער זייט שטאָדט.

— פוף! פוף! פוף!

און א נייער צייל הרוגים האט זיך אויסגעליינט אונטער'ן צאם.

— איהר בעמערקט, אז גאָנטא ווייזט זיך ניט, אומעדום קאמאנדעוועט נאר זשעלעזניאק. האט שמשון געזאָגט.

— ער איז צו לוסטיג, האט אפרים געענטפערט. ערווארט, וואס וועט דא זיין. אויב דיא גאידאמאקען וועלען צוקראפט ווערען, וועט ער נאכדעם האבען און אויסרייד, אז ער האט קיינעם מיט קיין פינגער ניט אָנגעריהרט. ער האט קיין שום אנטהייל ניט גענומען אין דעם אויפשטאַנד. ער האט ניט געקענט געהן העלפען דער שטאָדט, ווייל ער איז געווען א געפאנגענער ביי זשעלעזניאק'ען, אדער דיא קאזאקען האבען איהם פערראטהען, מאלע וואס פאר א תרוצים ער וועט געפינען.

— אבער שמשון האט דאך געזעהן, וויא ער האט זיך געקוסט מיט זשעלעזניאק? האט מאָשע בעמערקט.

— דאס וויס גאָנטא ניט, האט שמשון געענטפערט.

ביז נאך האלבען טאג האט דיא שיסעריי פון הארמאטען און ביקסען שטארק אָנגעהאלטען פון ביידע זייטען. ענדליך האט שאפראנסקי ניט געהאט מיט וואס צו שיסען, און ער האט געהייסען דער ארטילעריע שטיל ווערען. דיא אידען האָבען אויך געמוזט אנשווייגען ווערען, ביי זיי איז אויך אויסגעגאנגען דער פולווער.

ווען גאָנטא האט בעמערקט, אז דיא הארמאטען זיינען שטיל געוואָרען, איז ער צוגעפאָהרען צו זשעלעזניאק.

— עס האט שוין אויסגעברענט! האט ער צו איהם געזאָגט.

— וואס האט אויסגעברענט? האט זשעלעזניאק געפרעגט.

— מיר האבען געוואונען; מעהר וועט מען אויף אונז שוין ניט שפייען מיט טשוגון און בליי.

— פאר וואס?

— זיי האבען ניט מיט וואס, זיי האבען ניט קיין פולווער און ניט קיין וואַסער. זיי וועלען זיך באלד אונטערגעבען.

א ווייכע האט זיך גאָנטא פערטראכט.

— וואס וועט איצט זיין מיט אונז? האט גאָנטא געפרעגט ביי זיין קאמעראד

— דוא וועסט זיין דער הערפיהרער, אזוי וויא פאטאָצקי איז געווע... פא־טאָצקין וועלען מיר געבען אין האלז און אין נאקען.

— גוט, איך וועל זיין דער הערפיהרער; און איהר, פאן מאקסים, וואס וואס וועט איהר זיין א פאָלקאָווניק?

— נאר! איך וועל זיין דער געטמאן פוןביידע זייטען, פון דער פוילישער און רוסישער אוקריינע, אזוי וויא דער טאטע כמעלניצקי איז געוועז.

גאָנטא איז אָבגעטראָטען פון זשעלעזניאק און האט צוגערופען צו זיך עטליכע אלטע קאזאקען מיט א פאָר עלטסטע, און איז מיט זיי צוגעפאָהרען צום טהויער פון שלאָס אזוי אז מלאדאָנאָוויץ און שאפראנסקי, וואס זיינען געשטאנען אויפ'ן טהורעם נעבען דיא קאלטע הארמאטען, זאלען זיי זעהן, ער האט געהייסען געבען זיך א פיקע און האט צום שפיץ צוגעבונדען א ווייסע טיכיל, דערנאך האט ער גענומען א צווייטע פיקע און האט צו איהר אויך צוגעבונדען א ווייסע טיכעל. און האט עס איבערגעגעבען דעם עלטסטען און געזאָגט צו איהם.

— געה מיט דער פיקע אין שטאָדט צום גובערנאטאָר און זאָג איהם, אזוי וויא איך האב געשוואָרען טרייהייט צו גראף פאטאָצקי און צו דער שטאָדט, וועל איך זיי איצט אויך ניט טהאָן קיין שלעכטס, אויב זיי וועלען מיך מיט דיא קאָ־זאקען אריינלאָזען אין שטאָדט מיט גוטען; אויב אבער זיי וועלען אונז ניט אריינ־לאָזען — וועט מען קיינעם ניט שאנעווען.

גאָנטא האט אויפגעהויבען זיין פיקע מיט'ן טיכעל און האט דעם שליח אוועקגעשיקט.

דער טהויער פון שלאָס האט זיך געעפענט, און דער שליח איז אריין אין שטאָדט.

אויסהערענדיג דעם פאָרשלאָג, האט דער גובערנאטאָר געענטפערט, אז ער איז צופריעדען אריינצולאָזען אין שטאָדט דיא קאזאקען און ער געהט גלייך מאכען א בעפעהל.

— איך וועל הייסען צונויפרופען א דעפוטאציע, וואס זאָל ארויסגעהן בעגעג־נענען מיינע טרייע קאזאקען מיט עהרע — מיט ברויט און זאלץ און מיט טהייערע מתנות.

דער גובערנאטאָר האט געשווינד צונויפגערופען עטליכע פון דיא פני פון

שטאָדט און האט געהייסען אויך איינלאָדען שאפראַנסקי צום ראטה. ווען דער גובערנאטאָר האט איבערגעגעבען גאָנטא'ס פאָרשלאַג, זיינען אלע געקומען צום שלום, אז מען מוז זיך אונטערגעבען. איין שאפראַנסקי האט ניט איינגעשטימט אויף דעם.

— דיא באנדיטען וועלען אונז זא וויא זא ניט שאָנעווען, אזוי וויא זיי האָבען קיינעם ניט געשאָנעוועט אין סמילע און אין ליסיאנקע, האט ער געזאָגט.

— נאר זשעלעזניאק האט דאמאלס ניט געהאט גאָנטאַן, האט דער גובערנאטאָר געענטפערט. אונז מאכט דעם פאָרשלאַג גאָנטא און ניט יענער באנדיט.

— וויא אזוי אבער ואגט ער צו מאכען אונז א פאָרשלאַג, ווען ער האט אונז שוין פעררואטהען, האט שאפראַנסקי געענטפערט.

— אפשר האט ער חרטה ..... ער איז עהרגייציג, מיר וועלען זעהן קלאפען אויף דער סטרונע...... דיזע ווירדיגע לייט (ער האט געוויזען אויף דיא דעפוטאטען) וועלען איהם ארויס אנטקעגען מיט ברויט און זאלץ. דאס וועט ווירקען אויף דעם עהרגייציגען פויער.

— מיר וועלען איהם פערבלענדען מיט געשאנקען, האט געזאָגט איינער פון דיא דעפוטאטען.

— איצט איז שוין צו שפעט צו פערבלענדען איהם מיט געשאנקען, ווען ער קען אלץ אליין צונעהמען, האט שאפראַנסקי געענטפערט.

— אמת, האט דער גובערנאטאָר צוגעגעבען. נאר אונזער אונטערגעבענהייט וועט איהם חנפ'ענען און ער וועט שאָנעווען אונזער לעבען אזוי גוט, וויא דאס לעבען פון אונזערע ליעבע קינדערלאך.

— אויב אזוי האב איך נאר ניט וואס צו זאָגען, האט ענדליך שאפראַנסקי נאָכגעגעבען. נאר מיך וועט ער געוויס ניט שאָנעווען.

— פאר וואס דענקט איהר אזוי?

— ער האט שוין לאנג אויף מיר א הארץ פאר וואס איך האב איהם געזאָגט, אז אין פרייסען וואלט ער מיט זיינע קאזאקען נאר געטויגט צו פיטערען גענז.

— נאר ער האט שוין געקענט פערגעסען דיא בעליידיגונג, האט געזאָגט איינער פון דיא דעפוטאטען.

— ער וואלט פיעלייכט פערגעסען, ווען איך וואלט איהם געבעטען און היינט ניט דערמאָנט, האט שאפראַנסקי געזאָגט.

— מיט וואס? האט דער גובערנאטאר געפרעגט.

— מיט מיין שיסען, פון וועלכע ער האט זיך בעהאלטען, וויא א באק פון א וואלף. נאר איך וועל טהאן עפעס, וואס זאל דעם פויער גאנטא מעהר ווייך מאכען צום פאן גובערנאטאר, האט שאפראנסקי געזאגט, ווענדענדיג זיך צום גובערנאטאר.

— וואס אזוינס?

— מיר וועלען מאכען אזא קונץ, האט שאפראנסקי געזאגט: ווען דיא דעפו־טאטען וועלען ארויס פון שטאדט צו בעגעגענען דעם פויער מיט ברויט און זאלץ, וועל איך שטעהן אויפ'ן טהורעם איבער'ן טהויער נעבען דיא הארמאטען מיט אן אנגעצונדענעם קנייט, און וועל מאכען א מינע, אזוי וויא איך וויל עס אריינלעגען אין הארמאט. דער פאן גובערנאטאר וועט שטעהן גלייך מיט מיר און דערזעהענ־דיג, אז איך קלייב זיך צו שיסען, וועט ער מיט אונצופריעדענהייט און א בייזער ארויסרייסען פון מיינע הענד דעם אנגעצונדענעם קנייט און אראבשליידערען עס פון טהורעם.

דעם גובערנאטאר'ס געזיכט איז ליכטיג געווארען פון דיזען פארשלאג.

— דאס איז א געניאלער פלאן! דאס וואלט אפילו צעזאר אליין נים אויס־געקלערט. יא, יא! איך וועל מיט א בייזער אראבשליידערען דעם קנייט צו דיא פיס פון דעם פויער, וואס דענקט, אז גאט ווייס ווער ער איז. א געניאלער פלאן.

— שאפראנסקי האט געקוקט מיט מיטלייד אויף דעם עובר־בטל'דיגען גובערנאטאר.

דיא דעפוטאטען זיינען גלייך אוועק פערטיג מאכען זיך צו דער בעגעגנים פון דיא טהייערע געסט.

דיא נייעס, אז מען געהט עפענען דיא טהויערען פאר דיא גאידאמאקעס, האט זיך וויא א בליץ פערשפרייט איבער דער שטאדט, און דיא בעלאגערטע האבען אויפגענעבען יעדע האפנונג נצול צו ווערען פון דיא באנדיטען. דיא קריס־טען זיינען אוועק אין דיא קלויסטערס, מען זאל זיי אבלאזען זייערע זינד, וויא פאר'ן טויט, און אזוי וויא דיא קלויסטערס זיינען געווען געפאקט, זיינען זיי גע־שטאנען אין דרויסען. דיא עלטסטע אידען האבען גענומען זאגען וידוי, ווער עס איז געגען וועמען א מאל בעגאנגען אן עולה, איז געגאנגען בעטען מחילה. איינער

מיט'ן צווייטען האבען זיך געזעגענט, וויא זיי וואָלטען זיך געשיידעט אויף אויביג, וויא עס האט זיך אין דער ווירקליכקייט אויסגעלאָזט.

נאר שאפּראנסקי און דיא אידען האבען זיך בעשלאָסען צו בעגעגענען דעם טוידט מיט געווער אין דיא הענד. נאר ביי זיי איז נאר פערבליעבען קאלטע גע־ ווער־מעסערס.

— ווען דיא אדעליגע זאלען ניט זיין אזוי טוידט שכור, וואלטען דיא גאידא־ מאקעס ניט אזוי גיך גענומען אומאן, האט שאפּראנסקי געזאָגט צו שמשון.

— און ווען דיא אלע פּוילישע זאָלען נעהמען פלעקער אנשטאט צו פערגלאָ־ צען דיא אויגען אין קירבע, וואָלטען מיר נאך דיא גאידאמאקעס בעוויזען, אז מיר זיינען ניט קיין גרינגער ביסען אראָבצושלינגען, האט שמשון געענטפערט.

— מיר זיינען איצט א צו קליינער הייפעל, אז מיר זאָלען זיך קענען שטעלען געגען דיא באנדיטען אין דיא גאסען, האט שאפּראנסקי געזאָגט. און דארום איז בעסער צו זיין אין א פערמאכטען פּלאץ.

שאפּראנסקי האט אלעמען געדריקט דיא הענד און בעדאנקט פאר'ן העל־ דענמוטה, וואָס זיי האבען ארויסגעוויעזען.

— איצט קומט אין שוהל! האט שמשון געזאָגט. דאָרטען האבען זיך אונ־ זערע פערזאמעלט איבער דרייא טויזענד און דיא באנדיטען וועלען דאס גלייך דערשמעסען.

— אלע אידען האבען זיך געלאזט געהן צו דער גרויסער שוהל.

שאפּראנסקי איז ארויף אויבען אויפ'ן טהורעם.

ווען דער שליח האט זיך אומגעקעהרט אין לאגער צו דיא גאידאמאקעס און האט געמעלדעט, אז אומאן גיט זיך אונטער און שיקט ארויס א דעפּוטאציע צו בעגעגענען דיא זיעגער, האבען זיי דערזעהן, אז דער אויפגעהויבענער בריק, וועלכע האט געפיהרט צו דיא הויפּט טהויערען פון שטאָדט, לאזט זיך ארונטער אויף דיא קייטע', עס האט זיך געהערט דער קלאנג פון פעראסטעטען אייזען.

זשעלעזניאק גאָנטא און נאך איינגע אטאמאנעס האבען זיך געלאָזט געהן צום ברעק. הינטער זיי זיינען געגאנגען דיא קאזאקען אויף פערד, דיא גאידאמא־ קעס־רייטער און פוסגעהער.

דער טהויער האט זיך געעפענט. דיא דעפּוטאציע האט זיך בעוויזען.

— עהע! האט גאנטא געזאָגט מיט א שמייכעל צו זשעלעזניאק. דאס מיידעל אליין שיקט צו אונז שדכנים.

— עס איז שוין לאנג צייט געווען ווארום זיא האט זיך לאנג געבלאָזען, האט געענטפערט זשעלעזניאק.

— זיא האט דיא הרובע קאַלופעט *)

— זיא האט אונזערע געגוג אַנגעקאַלופעט.

דיא דעפוטאציע איז צוגעקומען נעהענטער, גאַנטא און זשעלעזניאַק האבען זיך אויך צוגערוקט. פלוצים האט זשעלעזניאק אויפגעהויבען דיא אויגען אויפ'ן טהורעם און איז געבליבען שטעהן, ער האט ביים הארמאט דערזעהן שאפראנסקי מיט א ברענענדען קנייט.

— קוק, פאן גאַנטא, וואס איז דאס דאָרטען אזוינס?

אין דיעזען אויגענבליק האט דער גובערנאטאָר ארויסגעריסען ביי שאפראנסקי פון דיא הענד דעם קנייט און עס אראָבגעשליידערט פון טהורעם.

דיא דעפוטאציע איז צוגעגאַנגען צו גאַנטא. ער האט זיך מיט כעס אב־געקעהרט פון דעם ברויט און זאלץ.

— דאס וואס איז אויסגעמישט מיט בלוט אַנשטאט וואסער, נעהם איך ניט אָן, האט ער געזאָגט אויף פויליש. ניט דאס בעסער איבער יענעם, ווער עס האט אזוי לאנג געזויגען דאס בלוט ביים פאָלק.

דיא דעפוטאטען זיינען געבליבען שטעהן פערציטערטע. גאַנטא איז דורכ־געפאָהרען פערביי זיי.

צום טהויער איז איהם ארויס בעגעגענען דער גובערנאטאָר.

— פאַן גאַנטא! האט ער זיך צו איהם געווענדעט: לעש אוים דאס פייער פון דעם אויפשטאנד, אזוי וויא איך האב אויסגעלאָשען יענעם ברענענדען קנייט.

— גוט מיין הערר, האט גאַנטא געענטפערט. איהר האט לאנג מיט דיא פאַנעם־ליאכעס און דיא קסענדזשעס געלאָשען דיא נשמה ביי דיא פויערים און געטרונקען אונזער בלוט; איצט איז אייער יום הדין.

דאס פוילישע בלוט האט אין איהם פון דעם ענטפער אויפגעקאָכט, ער, מלאדאנאָוויץ, האט זיך אזוי מאוס ערניעדריגט פאר א פויער, האט זיך פאר איהם געבויגען און דרייען און יענער האט איהם א שפיי געטהאָן אין געזיכט. נאר עס איז

---

*) קאַלופען דיא הרובע (אויוועז) — ווען אַ שדכן קומט ריידען א מיידעל א שידוך און זיא האט א ישוב הדעת הייסט זיא קאַלופעט הרובע.

שוין געווען פערפאלען, דיא באנדימען זיינען שוין אין שטאָדט און זיי ווע֞לען טהאָן, וואס זיי וועלען וועלען.....

גאָנטא איז אבגעפאהרען ווייטער. נאך איהם זיינען געפאהרען זשעלעזניאק, שילאָ, נעזשיווי, שוואטשקא. הינטער זיי האבען זיך געצויגען דיא רייטער און דיא פוס־געהער. עס האט זיך וואס געהערט דיא קלאפעריי פון דיא קאפיטעס און דער קלאנג פון געווער. דיא גאסען זיינען געווען כמעט ליידיג.

שילאָ האט זיך מיט זיין פערד אומגעדרייט און האט מיט דיא אויגען גע־נומען זוכען צווישען דיא גאידאמאקעס פון זיינע אייגענע באנדע. זיין בליק איז געפאלען אויף עטליכע גבורים־גאידאמאקען, און ער האט זיי צוגערופען צו זיך.

— קומט מיט מיר, האט ער געזאָגט, און איז געשווינד מיט זיי אָבגעפאָה־רען צו קאָהענס הויז.

17טעס קאפיטעל.

דער געשלעג אין שוהל.

אונזערע אידישע העלדען האבען שוין געפונען דיא שוהל געפאקט, ווען זיי זיינען אהין אָנגעקומען. פיעלע אלטע לייט זיינען שוין געווען אנגעטהאן אין דיא קיטלען און געווארט רוהיג אויפ'ן טוידט. דער חזן איז געשטאנען ביים עמוד און האט געזאָגט מיט אַ הערצרייסענדען קול תהילים. ביי יעדען זיינען געווען דיא בגדים דורכגעווייקט מיט טרעהרען.

דיא יונגע אידישע העלדען זיינען געבליבען שטעהן אין דיא פאלעש און אויפ'ן שול־הויף און האבען געהאלטען אן עצה, וויא מען זאָל זיך האלטען.

— ווען מיר וועלען אלע זיין אין שוהל, האבען מיר אין פאל פון נויטה נאר איין דורכגאנג, דיא איינציגע טהיר און דאן זיינען מיר קאפוט, ווייל דיא טהיר קענען זיא גוט בעוואכען און מיר וועלען קיינע ארויסגאנגע נים האָבען, און דארום אין דיא ערסטע זאך, וואס מיר דארפען טהאָן מאכען אַ פּאָר דורכגאנגען צו דיא ווייבערישע שוהלען.

— זעהר גוט, און לאָ'מיר זיך שוין נעהמען צו דער ארבייט, האט לייבע געענטפערט.

— אבער פיעלע פון אונז זיינען מיט ליידיגע הענד און אויף אזא אופן פיה־רען אַ געשלעג קען מען ניט, האט שמשון געזאָגט.

— און וואס וועט זיין דיא פעולה פון ביקסען, אז מיר האבען קיין קוילען ניט? האָט איינער פון דיא ביישטעהענדע געזאָגט.

— יעדע זאך איז גוט, מיט וואס מען קען נאר א קלאפּ טהאָן, האט שמשון געזאָגט. א האק, א מעסער, א שווערד, א ביקס.

— קיין שהיות דארף מען ניט מאבען, האט משה מנקר געזאָגט. ווער עס האט ניט, זאל זעהען גלייך פערשאפען, ווייל שפּעטער, קען זיין, וועט זיין צו שפּעט. און מיר וועלען דערווייל געהן אויסהאקען א פּאָר מהירען צו דער ווייבערשער שוהל.

א מהייל פון דעם אידישען פאָלק איז אוועק זוכען קאלטע געוועהר, און בריינגען דיא ווייבער און קינדער אין שוהל און א מהייל האט זיך גענומען צו דער ארבייט אין שוהל מאבען א וועג פון וואנען צו אנטלויפען, ווען עס וועט זיין נוימהיג.

אפרים האט זיך א פּאָר מאָל אָבגעריסען פון דער ארבייט און געגאנגען זוכען צו דער פאָטער, מוטער שוועסטער זיינען דא. ער האט זיי ניט געקענט געפינען, ער האט ביי עטליכע געפרעגט, צו האט מען זיי דא ניט געזען, נאר ער האָט קיין בעשטימטען ענטפער ניט בעקומען.

און דיא שוהל איז געוואָרען אלץ פולער און פולער.

מאָשע האט זיך אויך א פּאָר מאָל אָבגעריסען פון דער ארבייט און געוואָלט אויסגעפינען, צו מירעל געפינט זיך דאָ, אבער ער האט איהר אויך ניט געקענט געפינען.

אין שוהל איז דערווייל געוואָרען אונמעגליך א ריהר צו טהאָן זיך, אזוי געפּאקט איז דאָרטען געווען.

— מאָשע לויף אראָב א היים און זעה, צו אונזערע זיינען דאָרטען, האט זיך שמשון צו איהם געווענדט.

— אויף איין פוס אבער, האט אפרים נאכגעשריען, ווען ער האט זיך גענומען דורכשטופּען א וועג אין דער ענגשאפט.

איבער דער גאַס איז מאָשע געלאָפען, וויא א פייל פון בויגען, ער האט געהערט, וויא מען לאָזט אראָב דעם בריק.

אין שטוב האט ער געטראָפען דעם פאָטער, דיא מוטער און ביידע שוועסטער, דער פאָטער איז געווען בעדנומען מיט'ן פערגראָבען דאס ביסעל גאלד און זילבער, וואס ער האט געהאט.

— קומט אין שוהל! האט ער געזאָגט צו דיא עלטערן און שוועסטער. ער האט קוים אבגעכאפּט דעם אטהעם.

— וואָס איז געשעהן? האט דער אלטער קאהען געפרעגט צושראָקען.

— זיי קומען באַגד אריין, און אין שוהל זיינען מיר אלע.

— מיט וואס איז אין שוהל זיכערער?

— דאָרטען זיינען מיר אלע.

— אויב דיא באנדיטען זאלען אל תפתח פה לשטן, מאכען אן אָנפאל ווע־לען זיי פריהער בעפאלען דיא שוהל, וויא זייער שטייגער איז, האט דער אלטער קאָהען געזאָגט.

— רוף דיא קינדער אהער, האט לאה געזאָגט.

מאָשע האט א סעקונדע געקלערט און האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאָן. באלד אבער האט ער זיך דערמאָנט, און איז געשווינד ארויסגעלאָפען פון שטוב.

ער איז אבער ניט געלאָפען אין שוהל, אהן אן אטהעם איז ער צוגעלאָפען צו מירעל'ס הויז. דיא טהיר איז געווען פערשפאַרט, ער האט געקלאַפט אין פענ־סטער, אבער קיינער האט זיך ניט אָנגערופען.

— דאס בין איך, מאָשע! האט ער געשריען.

שטיל. קיינער ענטפערט נים.

— זיי זיינען מסתמא אין שוהל, האט ער געזאָגט צו זיך, און איז געשווינד אוועק אין שוהל.

דערווייל האט מען שוין דיא טהויערען פון שטאָדט געעפענט און דיא באנ־דיטען האבען שוין גענומען אריינפאָהרען אין שטאָדט.

דיא גאסען, וואס זיינען ביז מיט עטליכע שעה צוריק, געווען אזוי פול זיינען איצט געוואָרען ליידיג, א טוידטע שטילקייט האט געהערשט און איז נאר איבער־געריסען געוואָרען פון דעם קלאַפען פון דיא קאפיטעס פון דיא פערד און פון דעם קלאנג פון דיא געוועהר.

מאָשע האט געבראכט אין שוהל דיא בשורה, אז דיא היידאמאקעס צוזאָ־מען מיט דיא קאזאקען זיינען אריין אין שטאָדט.

— שטופט זיך בעסער אריין אין שוהל און זאל אין דיא פּאָליש זיין געראם, האט שמשון געזאָגט.

לייבע איז געשטאנען מיט א שווערד, משה דער מנקר האט געהאלטען א גרויסען חלף. שמשון און אפרים זיינען אויך געווען אָנגענורט מיט שווערדען. דער וואס איז נאר געשטאנען אין דיא פּאָליש האט געהאט עפעס אין דיא הענד.

קיינער האט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט. מען איז געשטאנען און גע־וואָרט, א שרעקליכע ערוואַרטונג. יעדער האט געוואוסט, אז פריהער אדער

שפעטער וועט מען זיך פון טוידט ניט אויסקויפען, קלאפט שוין טאקע דיא לעצטע שטונדע? אין טשערקאס, אין סמילע, אין ליסיאנקע איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען. זיי וועלען געוויס דא אויך קיינעם ניט שאנעווען...... פיעלע, וואס האָבען נאך נעכטען אזוי טוטהיג געשאָסען אויף דיא באנדיטען און אזוי העלדיש אָבגעטריבען פון דער פעסטונג, האבען איצט אראָבגעלאָזען דיא הענד.

דיא טוידטע שטילקייט אין דיא ליידיגע גאסען האט נאך אלץ אָנגעהאלטען.

דעם חזנ׳ס נגון אין שוהל האט אָנגעהויבען צו קלינגען מיט האפנונגען.

„מן המצר קראתי יה ענני במרחב יה״, האט זיך געהערט זיין שטימע און א שטראהל פון האָפנונג האט אריינגעשיינט אין דיא פערטרויערטע הערצער. „וואס קען מיר דער מענש טהאָן, ווען גאָט איז מיט מיר? ווען גאט איז מיט מיר, וועל איך נאך דערלעבען נקמה אין מיינע פיינד דיא גוים רינגלען מיך ארום, איך שווער ביי גאָט, אז איך וועל פון זיי מאכען א תל״.

דיא ווערטער זיינען, וויא א טרייסט געפאלען אויף אלעמען. און זיי האבען אריינגעבלאָזען א נייען גייסט אין יעדען. שטייפער האבען זיך דיא פויסטען צונויפגעדריקט און דאס האלב־אויסגעלאָשענע פייערל האט ווידער אויפגעפלאקערט אין דיא אויגען.

— דיא היידאמאקעס! דיא היידאמאקעס! האט זיך פלוצים דערהערט א געשריי און אין דיא פאָליש זיינען אריינגעלאָפען עטליכע יונגע לייט, וואס זיינען געשטאנען אין דרויסען און געקוקט, וואס דא וועט ווערען.

א ווילדע שרעק איז בעפאלען אויף דיא פערזאמעלטע אין שוהל. דעם חזנ׳ס קול האט זיך פלוצים איבערגעהאקט און דיא ווערטער זיינען איהם פערשטאָרבען אין האלז. עס האט זיך דערהערט א משונה׳דיג ריהרען, און היסטעריש קווויטשען פון פרויען. קינדער האבען זיך צוויינט און צושריען און אין שוהל איז געוואָרען א מהומה.

— א טוידט אויף דיא פארבאאטע זשידעס! א טוידט! האבען זיך דערהערט קולות פון א גרויסע מחנה היידאמאקעס, וואס זיינען צוגעקומען צום שוהל.

פון דיא פריהערדיגע הריגות האבען שוין דיא היידאמאקעס געוואוסט, אז אין דיא שוהלען דארף מען קומען מיט גרייטע מעסערס פארטיג צו דער שחיטה. דיא צאן קדשים האלטען שוין דיא העלזער אויסגעשטרעקט און מען דארף נאר שניידען, שניידען. זיי האבע דאריבער קיין ווידערשטאנד ניט ערווארטעט און

האבען קיינע הכנות געמאכט און גלייך געלאָזט זיך לויפען אין שוהל אריין מיט א ווילדען געשריי פון צורייצטע חיות.

— בשם ד׳ כי אמילם! האט שמשון א געשריי געטהאָן. און זיינע אויגען האבען זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט, און האט מיט׳ן שווערט בעגעגענט דעם שונא.

— אנא ד׳ הושיעה נא! האט לייבע אויסגעשריען און האט גענומען פאָכען מיט׳ן שווערד.

משה דער מנקר מיט׳ן שארפען חלף האט בעוויזען וואונדער. אין נאר א קירצע ווילע האט ער צוואנציג היידאמאקישע קעפ ארונטערגעהאקט. שמשון און לייבע זיינען געוועזן פון קאָפּ ביז דיא פיס בעשפריצט מיט בלוט. דער געשלעג האט לאנג ניט אָנגעהאלטען דיא מחנה היידאמאקעס איז געבליבען שטעהן פאר דער שוהל א ווילע אונבעשלאָסען און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאָן.

— איצט איז דיא צייט! קומט! האט שמשון א געשריי געטהאָן און איז ארויסגעלאָפען פון דיא פאָליש און גלייך נאך איהם דער גאנצער אידישער פאָלק מיט א געשריי „טוידט צו דיא פלשתים!“

עס האט זיך אָנגעהויבען א שרעקליכער געשלעג, דיא שול־הויף איז אויס־געלעגט געוואָרען מיט הרוגים. משה דער מנקר האט געקריגען א שטאָך אין זייט און איז אנידערגעפאלען און פיעלע אידישע העלדען האבען דאס לעצטע מאל גע־זעהן דיא שיין פון דער וועלט און האבען מוטהיג אוועקגעליינט זייערע קעפּ. ענד־ליך זיינען דיא הייהאמאקעס אנטלאָפען.

שמשון, לייבע, אפרים, מאָשע און נאך פיעלע האבען גענומען זוכען צווי־שען דיא הרוגים זייערע בריעדער און האבען דיא פערוואונדעטע ארייגעטראָגען אין שוהל.

— וואס וועט איצט זיין? האט יעדער געקלערט פאר זיך, און האט בעסער געוואָלט ניט טראכטען וועגען דעם. קיינער האט ניט געצווייפעלט, אז זיי וועלען זיך באלד אומקעהריזן צוריק און מיט א פיעל גרעסערער מחנה, און דער אידי־שער פאָלק ווערט דערווייל שיטערער און ביז ווילאנג וועט מען קענען אָנהאלטען דעם ווידערשטאנד.

א שטונדע, א גאנצע שטונדע פון שרעקליכער ערווארטונג איז אריבער, און דיא היידאמאקעס זיינען ניטא.

— האָבען זיי זיך טאקע דערשראָקען?

א שטראהל פון האָפנונג האט ווידער אריינגעשיינט אין אלעמענס הערצער.

גיי גאָט איז אַלעס מעגליך. האָט ער דען ניט אראָבגעשיקט א מלאך פון הימעל וועלכער האָט אין איין נאַכט אויסגעהרג'עט א מחנה פון אכציג טויזענד מאן ביי סנחירב מלך אשור, ווען ער האָט בעלאָגערט ארץ ישראל? האָט יהודה המכבי ניט בעוויזען גוואלדיגע גבורות?

נאך א שטונדע איז אריבער. פאר דיא וואס האבען זיך געפונען אין שוהל איז דאס געווען ניט קיין שטונדע, נאר משתח'ס יאָהרען. דיא האָפנונג האָט גענומען ווערען שטארקער און שטארקער. גאָט האָט געוויס דערהערט זייער תפילה זייער וויינען. דיא טהויערען פון טרערען זיינען ניט פערשלאָסען.

נאר וואס פאר א גערויש הערט זיך דאָס? דער גערויש ווערט אַלץ שטאר־קער און שטארקער, דער ליארם פון דיא צובושעוועטע היידאמאקעס העכער און העכער. ער קומט אַלץ נעהענטער צום שוהל.

זיי זיינען ווידער דא.

נאר איצט זיינען געקומען ניט דיא פוס־געהער אליין מיט גאָלע מעסערס. איצט איז פאראן נאָנטא מיט זיינע קאזאקען, איצט קוקט אויפ'ן שוהל דער אָפע־נער מויל פון אן הארמאט. איצט קען מען שוין מיט קאלטען געווער ניט ארויס נעגען דעם שונא.

— מיר זיינען פערלאָרען, האָט שמשון אויסגעקרעכצט.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט א שאָס פון אן הארמאט.

און דיא וואס האבען זיך געפונען אין שוהל האָט אָנגעבאפט א טוידט־שרעק. דיא יללות, קולות געשרייען פון דיא פערזאמעלטע אין שוהל האבען געקענט אויפ־רייסען דעם הימעל.

דאס שיסען פון הארמאט האָט אָנגעהאלטען דיא טהירען, פענסטער זיינען אויפגעריסען.

— ווער עס קען זאָל זיך ראטעווען און אנטלויפען!

דיא אלטע לייט, ווייבער מיידלאך, קינדער — זיי האבען שוין פון אנטלויפען ניט געקענט דענקען; דיא ווייבער און קינדער האבען ניט אויפגעהערט צו שרייען און קלאָגען, דיא עלטסטע מאנסבילען האבען געזאָגט ווידוי און געקלאפט זיך אין הארצען. דיא אינגערע האבען נאר געזוכט צו אנטלויפען דורך דיא אויסגעהאקטע טהירען אין דער ווייברישער שוהל.

— דיא שוהל ברענט! דיא שוהל ברענט!

און דיא אלטע לייט, און דיא ווייבער, און דיא מיידלאך און דיא קינדער

זיינען געבליבען אויף איין אָרט. דא ערוואַרט איין טוידט פערברענט צו ווערען און אין דרויסען וועלען דיא פערד מיט דיא פיס טרעטען, דיא קאזאקען וועלען מיט דיא פיקעס שטעכען, דיא איידאמאַקעס מיט מעסערס, העק. דיא ווייבער האבען געוויס קיין בעסערס ניט צו ערוואַרטען אין דרויסען, דאָרטען קען מען נאך געפּייניגט און געשענדעט און דערנאך גטוידט ווערען. בעסער שוין פּטור צו ווערען מיט איין טוידט.

— שמע ישראל! הערט זיך פון אלע זייטען.

שמשון, אפרים, לייבע און דיא אלע פון דעם אידישען פאָלק, וואס זיינען געבליבען לעבען נאך דעם פריהערדיגען געשלעג האבען געזוכט זיך צו ראטעווען דורך דיא טהירען, וואס זיי האבען פריהער אויסגעהאקט פיעלע איז געלונגען פון שוהל צו אנטלויפען און פיעלע זיינען איבערגעכאפּט געוואָרען פון דיא היידאמא־קעס און געטוידטעט געוואָרען.

שמשון און אפרים'ן איז געלונגען צו אנטלויפען פון שוהל, נאר וויא פער־וואונדערט און דערשראָקען זיינען זיי געוואָרען, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום שטוב און געפונען איהר שטארק בעוואכט. נאר איידער זיי זיינען געקומען צו זיך פון פערוואונדערונג, איז רחל, וועלכע האט אויף זיי שעהנ־לאנג אויסגעקוקט דיא אויגען און האט זיי דערזעהן פון פענסטער, ארויסגעפלויגען פון שטוב, און האט געוואָלט לויפען צו זיי, נאר דער היידאמאק, וואס איז געשטאנען ביי דער טהיר, האט איהר אָבגעהאלטען. דערווייל זיינען געשווינד צוגעלאָפען איהרע ברידער און איי־דער דער היידאמאק האט צייט געהאט א טראכט צו טהאָן, זיינען זיי שוין מיט רחל'ען געוועזען אינערוויינינ.

— וואס בעדייט דיא בעוואכונג? האבען ביידע ברידער געפרעגט פער־וואונדערט.

— וואו איז מאָשע? האט געפרעגט לאה.

— מאָשע?

דיא בריעדער האבען זיך ערסט ארומגעזעהן, אז מאָשע איז ניט מיט זיי.

— וויה צו מיר! א בראָך צו מיר! זאָגט מיר, וואָס איז מיט מאָשען גע־שעהן? האבען איהם דיא ראזבויניקעס דער'הרג'עט? זאגט מיר! וואו איז ער מיין זוהן, מיין מאָשע?

ביז דער לעצטער מינוט איז ער געוועזען מיט אונז אין שוהל, האט אפרים

געגנטפערט. נאר מיר דוכט, אז ער איז גאר ניט מיטגעגאנגען מיט אונז......
קום, שמשון!

אפרים און שמשון האבען זיך געשווינד א ווארף געטהאן צו דער טהיר, נאר לאה, ניט קוקענדיג אויף איהר עלטער, האט זיך א ווארף געטהאן גלייך נאך זיי און האט אָנגעכאפט אפרים׳ן ביים קלייד.

— געהט ניט איצט אוועק פון דאנען!...... אוי, מיין מאַשע, מיין מאַשע, מיין טהייערער זוהן! געהט ניט אוועק פון דאנען! איך וועל דא אויסגעהן מיט מיינע כוחות..... מיין טהייערער זוהן, מיין טהייערער זוהן!

— מאמע, זיי רוהיג! מיר ברענגען דיר גלייך מאַשען, האט שמשון געזאָגט, האב פאר אונז קיין מורא ניט.

— אוי! אוי! אוי! רעדט גאר ניט. געהט ניט אוועק איצט פון דאנען. מאַשע! מאַשע! און זיא האט זיך צוואויינט.

— איהר קענט סיי וויא סיי פון דאנען ניט ארויס, האט דער אלטער קאהען געזאָגט און ווידער ווען איהר גאר אומזיסט איינשטעלען איצט אייער לעבען.

— פאר וואס קען מען ניט ארויסגעהן פון דאנען? האט אפרים געפרעגט.

— מיר זיינען בעוואכט און דיא שומרים זיינען אָנגעזאָגט, זיי זאלען קיינעם ניט ארויסלאָזען.

— ווער האט אונז בעוואכט? האט שמשון געפרעגט.

— שילאָ, דער בלינדער בעטלער, האט געזאָגט רחל. גלייך וויא דיא הייד־דאמאקעס זיינען אריין אין שטאָדט, איז ער, וויא א רוח צוגעפלויגען אהער מיט דיא היידאמאקעס וואס שטעהען ארום שטוב און ער האט זיי אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלען היטען, דאס קיינער זאל פון שטוב ניט ארויס און אז קיין האָר זאל קיינעם פון אונז ניט געמינערט ווערען.

— וואס מיינט דער ראַזבויניק מיט דעם? האט אפרים געפרעגט פערקלערט.

ביי שמשון און אפרים איז וויא א בליץ דורכגעלאָפען א געדאנק.

— דיא „ליזנעס" האבען מסתמא דערציהלט, אז שמשון איז געווען דער נאנצער אָנפיהרער ביי דעם שיסען פון דער פעסטונג, און וויל פאר זיי אויסזובען א טוידט פון מאטערנים. נאר דעם געדאנק האבען זיי ניט ארויסגעזאָגט.

— מסתמא איז ער דאנקבאר, וואס דיא מאמע האט זיין איגגעל אויסגע־היילט פון דעם ביס פון דער שלאנג, האט רחל געזאָגט.

ביי שמשון אויפ'ן נעזיכט האט זיך בעוויזען א ביטערער שמייכעל: דער מערדער וויס פון דאנקבארקייט! פון דיא גרוילען וואס ער האט אבגעטהאן שטע־לען זיך פּשוט דיא האר קאפּויר.

— איז ער דא געווען אין שטוב? האט אפרים נעפרעגט.

— ניין, אין שטוב איז ער ניט אריין, ער האט נאר צוגעפיהרט דיא היידא־מאקעס, האט זיי געגעבען זיין בעפעהל, ער האט צו אונז פון פענסטער א שמייכעל געטהאן, וויא אן אלטער בעקאנטער און איז גלייך אבגעפאהרען צוריק.

לאה איז דיא גאנצע צייט געזעסען מיט פערבראכענע הענד, דער קאפּ אן א זייט, מיט א פערצווייפעלטען בליק אויף דער ערד און שטיל גע'טענה'ט: מיין מאשע! מיין מאשע!

18טעם קאפּיטעל.

הנאהבים להנעימים.

מאשע קאהען איז פערבליבען אין שוהל, ווען דיא ברידער און דער גאנצער אידישער פאלק האט זיך געווארפען צו דיא טהירען, אום צו אנטלויפען ער האט ניט געקענט לויפען, ווייל ער האט געוואוסט, אז מירעל געפינט זיך אין שוהל, און וואס טויג איהם דאס לעבען, אז זיא וועט דא אומקומען. און אומקומען וועט געוויס יעדער, וואס געפינט זיך דא אין שוהל.

מאשע האט קיין מאל זיינע געפיהלען ניט אויסגעגאסען פאר מירלען, ער האט מיט איהר כמעט וויא גאר ניט גערעדט. ווען זיא פלעגט קומען צו רחל'ען, פלעגט ער זיך שטעלען אן א זייט און ווארפען אויף איהר גע'גנב'עטע בליקען מירעל האט איהם אויך קיין מאל קיין איבריג ווארט ניט געזאגט, נאר דאך האבען זיי ביידע גוט געוואוסט, וואס פאר א געפיהלען איינער טראגט אין הארצען צום צווייטען. זיי האבען ניט גערעדט, אבער דיא אויגען, דיא פער'גנב'עטע בליקען האבען דערצעהלט א סך מעהר, פיעל מען קען מיט ווערטער אויסדריקען.

נאך דעם אנטלויפען פון דעם אידישען פאלק איז אין שוהל געווארען נערא־מער, און מאשע האט גענומען זוכען מירלען אין אלע ווינקעלאך. ענדליך האט ער איהר אבגעזוכט זיא איז געזעסען מיט איהרע עלטערן אונטער דער בימה. ער האט זיך געשווינד צו איהר דורכגעשפּארט און האט איהר דאס ערסטע מאל אין זיין לעבען אנגענומען פאר דער האנד.

— מירעל! קום, לא'מיר אנטלויפען!

— מירעל האט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע שווארצע אויגען.

— און וואס וועט זיין מיט דער מאמען? מיט'ן טאטען?

— לא'מיר לויפען אלע! עס איז נאך איצט צייט. דיא שוהל ברענט פון אלע זייטען און מיר וועלען דא באלד דערשטיקט ווערען פון רויך.

מירעל האט א קוק געטהאן פריהער אויף דער מוטער דערנאך אויף דעם פאטער.

— וואס איז דיא פעולה, וואס מיר וועלען אנטלויפען פון דאנען, מען וועט אונז אין גאס דער'הרג'ענען, האט מירעל'ס פאטער געזאגט און א מאך געטהאן מיט דער האנד. וואס איז בעשערט וועט מען ניט אויסמיידען.

— קומט! האט זיך מאשע געבעטען. קומט, און גאט וועט העלפען און מיר וועלען נצול ווערען.

— ערגער וויא דער טוידט קען דאך ניט זיין, האט מירעל געזאגט צו דער מוטער. וואס מאכט דאס אויס, שטארבען דא אדער שטארבען אין גאס, נאר אפשר......

דיא פערצווייפעלטע עלטערן האבען ענדליך איינגעווילינט צו מאכען א פער־זוך ארויסצוראטעווען זיך פון פייער. זייער ביישפיעל האבען נאכגעטהאן נאך פיעלע, וואס זיינען געזעסען ארום: טאמער, וועט זיך דער אייבערסטער טאקע מרחם זיין.

זיי זיינען צוגעגאנגען צו דיא אויסגעהאקטע טהירען וואס האבען געפיהרט אין דער ווייבערשער שוהל. מאשע האט ארויסגעקוקט, צו דיא היידאמאקעס שטע־הען דא ארום. אויף דרויסען איז שוין געווען פינסטערלאך און דער שול־הויף איז איז נאר בעלויכטען געווארען פון דיא לאנגע פייערדיגע צונגען, וואס האבען גע־לעקט דיא וואנד פון שוהל.

דיא היידאמאקעס זיינען געשטאנען אין פראנט פון שוהל נאר א טהייל פון זיי האט זיך ארומגעדרייט ארום און ארום.

— וואס הערט זיך? מען קען אנטלויפען? האבען געפרעגט פיעלע דערשרא־קענע קולות ביי מאשען.

— אזוי וועט זיין שווער צו אנטלויפען, וויא מען וועט אונז נאר בעמערקען, וועט מען אונז צוטרעטען מיט דיא פיס, דיא מחנה איז צו גרויס, אז מען זאל זיך קענען שטעלען געגען איהר, האט מאשע געזאגט. מען דארף זוכען עפעס אן עצה.

א רגע האט ער געטראכט, לאנג קלערען האט מען ניט געקענט. דיא שוהל

האט זיך אָנגעהויבען אָנצופילען מיט רויך. וויא א בליץ איז איהם דורכגעלאָפען א געדאנק.

— פאַראַן נאך א מיטעל! קומט אין דיא פּאַליש! האט ער געזאגט און איז געשווינד דורכגעלאָפען דיא שוהל.

אין דיא פּאַליש איז דער רויך געווען געדיכט, צווישען דיא היידאמאקעס, וואס זיינען געשטאנען אין פראָנט האט זיך געהערט א חובא וטלולא. א ריעזיגע מחנה איז געווען פערזאמעלט ארום, ווערליג מען האט געקענט ריכטען נאך דיא קולות, וואס האבען זיך געהערט פון דאָרטען. געזעהען האט מען שוין קיין זאך צוליעב דעם געדיכטען, ביטערען רויך.

— רייסט אראָב דיא קליידער פון דיא געפאלענע היידאמאקעס, וואס ליגען דא אין דיא פּ_ליש, האט מאָשע געזאָגט און האט גלייך גענומען ארונטעררייסען א סערמינקע פון א טוידטען היידאמאק. מיר וועלען פון דאנען אנטלויפען אלס פערשטעלטע היידאמאקעס.

אין דער פינסטער וואָלט קיינער ניט געקענט דערקענען דעם שטילען מאָשען אין דער סערמינקע ארומגעגארטעלט מיט א רימען און אין דער סמושקענער היטעל, מיט א גרויסען היידאמאקישען מעסער אין האנד און א שווערד ביי דער זייט. מירעלס פאָטער האט זיך אויך אָנגעטהאָן אין היידאמאקישע קליידער, נאר דיא לאנגע פּאות'ן האבען איהם גלייך אויסגעגעבען. נאר דאס האט קיינער אין רויך און אין איילענים ניט געקענט זעהן.

דיא פייערדיגע ציינער האבען גענומען אריינקוקען אין שוהל, און דער רויך האט זיך גענומען פערשפרייטען אומעדום, ווער עס האט געקענט האט זיך איצט געוואָרפען לויפען פון דעם ערשטיקענדען רויך. מען האט איצט ניט געקוקט, וואס ערוואַרטעט אין דרויסען.

אין דער מהומה איז מאָשען מיט דער קליינער קאָמפּאניע געלונגען ארויס־צורוקען זיך פון דער אויסגעהאקטער טהיר אין שוהל.

אין פראָנט פון שוהל איז אָנגעגאנגען א שרעקליכע הריגה, ווער עס איז נאר ארויסגעלאָפען פון דיא פּאָליש האבען גלייך בעגעגענט זייער טוידט פון דיא הענד פון דיא היידאמאקעס. ווער עס איז אנטלאָפען פון מעסער, איז געפאלען אונטער'ן שווערד. און ווער עס איז אנטרונען פון שווערד איז אויפגעהויבען גע־וואָרען פון א קאזאקישע פּיקע אדער צוטראָטען געוואָרען פון דיא פערד. דער

יאָמער, דער געשריי, דער געוויין, דיא קרעכצען פון איין זייט און חוכא וטלולא פון דיא היידאמאקעס פון דער צווייטער האבען פול געמאכט דיא לופט.

מאשע און זיין קאמפאניע האבען זיך געלאָזט לויפען איבער׳ן שוהל־הויף, ווען פלוצים האבען אייניגע היידאמאקעס בעמערקט דיא פרויען אין זייער קאמ־פאניע, און האבען זיך אויך געלאָזט יאָגען נאך זיי. זיי האבען זיך גענומען דריי־הען אין דיא פערוואָרפענערע געסלאך, אום ניט אַנצולויפען אויף אן אנדער באנ־דע היידאמאקעס און דיא נאָכיעגער זיינען געלאָפען נאך זיי מיט ווילדע געשרייען. מירעלס מוטער האט אָבער באלד פערלאָרען דיא כוחות און א ווילדער היידאמאק מיט רויטע צושויבערטע האָר האט איהר אָנגעיאָגט.

— אָה, איך האב געמיינט עפּעס רעכטס! האט ער מיט כעס אויס־געשריען.

— שמע ישראל! האט זיך דערהערט איהר געשריי און זיא איז אנידער־געפאלען.

דער היידאמאק האט איהר א מעסער אריינגעשטאָכען אין הארצען.

מירעל און איהר פאטער האבען זיך אָבגעשטעלט און זיינען צוגעלאָפען צו דיא ערמאָרדעטע מאשע איז אויך מיט זיי צוגעלאָפען אהין.

— מאמע! מאמע! האט מירעל געיאָמערט, צופאלענדיג צו איהר.

דיא אנגעלאָפענע היידאמאקען האבען גלייך אין מירעל׳ס פאטער דערקענט א אידען און איינער האט איהם מיט א שווערד א זעץ געטהאָן איבער׳ן האלז, אז ער איז גלייך אויפ׳ן שטעל געפאלען א טוידטער.

דיא היידאמאקען האבען זיך ווייטער געלאָזט לויפען נאך דער קאמפאניע, וואס איז ארויס פון שוהל גלייך מיט מאשען.

דער רויטער היידאמאק האט מירלען אויפגעהויבען, וויא א פעדערל און האט איהר אויף דיא הענד געוואָלט אוועקטראָגען.

— מיין פארשוין! מיין ליאלקע!

מירעל האט זיך געריסען, געוואָרפען, נאר ער האט איהר מיט זיינע אייזערנע הענד אזוי פעסט ארומגענומען, אז זיא האט זיך קיין ריהר ניט געקענט טהאָן.

אין דער מינוט האט מאשע פון הינטען מיט׳ן מעסער א זעץ געטהאָן דעם היידאמאק אין פלייצע. א געשריי וויא פון א ווילדע חיה האט זיך פון איהם ארויס־

געריסען. ער האט זיך מיט דער האנד א כאפ געטהאן פאר דער פלייצע דערווייל האט ער זיין מאסע אבגעלאזט.

— אנטלויף! האט מאשע צו איהר א געשריי געטהאן.

און זיא האט גענומען לויפען, מאשע נאך איהר און דער היידאמאק מיט א טיפע וואונד אין פלייצע נאך זיי ביידע.

דער היידאמאק מיט קולות אין מויל מיט פערקריצטע צייהנער, מיט אן אויסגעשטרעקטען מעסער, מיט ווילדע אויגען האט געשריען:

— איך וועל אייך, פארכאטע!

מירעל האט אליין ניט געוואוסט וואו צו לויפען. זיא איז געלאפען, וואו דיא אויגען האבען איהר געטראגען. דער שרעק האט איהר געגעבען כוחות און געטריבען איהר פארווערטס און פארווערטס, זיא האט געהערט מאשעס טריט הינטער זיך און פון צייט צו צייט האט ער איהר צוגעגעבען מוטה מיט דיא ווערטער: „איך בין דא!" אט איז זיא ביים טהויער פון שטאדט, וואס מען האט היינט געעפענט פאר דיא באנדיטען. דיא שטאדט האט זיך געענדיגט. וואס טהוט מען איצט? דער היידאמאק יאגט זיך נאך. ער איז ניט ווייט. פון וואנען נעהמען זיך ביי איהם אזוי פיעל כוחות, ווען ער גיעהט אב מיט בלוט? נאר ער לויפט און הערט ניט אויף זיין פזמון: „איך וועל אייך, פארכאטע!" קלערען איז ניטא קיין צייט. זיא איז ארויסגעלאפען פון טהויער און מאשע נאך איהר.

מאשען האט פלוצים אויסגעוויזען, אז דיא טריט הינטער איהם זיינען שטילער געווארען, ער האט זיך אומגעקוקט:

— איך וועל אייך, פארכאטע!

— מאשע האט דערזעהן אז דער ווילדער היידאמאק כאטשע ער יאגט נאך איז ער אביסעל אבגעשטאנען. זאל זיא נאר האבען כוחות, איהר געלאף ווערט שוין שוואכער. אונטער דער שטאדט זיינען קיין היידאמאקעס ניטא, דא איז דאס פעלד נאר אויסגעזיימט מיט הרוגים, וואס מאכען שווער דאס לויפען.

זיי זיינען שוין ווייט אונטער דער שטאדט, נאר דיא כוחות לאזען איהר אב. עס הערט זיך שטארקער זיין שילטען:

— איך וועל אייך, פארכאטע.

אויסגעמאטערט פון דעם לויפען, פון דיא שרעקען, פון דארשט האט זיא זיך פלוצים אבגעשטעלט.

— איך קען שוין מעהר ניט, האט מירעל געזאגט און האט זיך צוואויינט.

מאָשע האט איהר גענומען אויף דיא הענד און האט געפרופט מיט איהר לויפען, נאר באלד האט ער אויסגעפונען, אז דאס איז אן אומזיסטע ארבייט.

— איך וועל אייך, פארכאטע!

באלד, באלד, יאָגט זיי דער היידאמאק אָן. פאר זיך וואָלט מאָשע קיין מורא ניט געהאט, ערגער וויא שטערבען קען ניט זיין, און עס קען נאך מעגליך זיין, אז ער וואָלט דעם גלית דער'הרג'עט. נאר זיא? און דער גֶעדאנק, וואס איהר ער־ווארטעט, אויב ער ווערט געטוידט, האט ביי איהם אָבגענומען דיא הענד.

דער היידאמאק איז שוין נאָהענט, פיעלייכט נאך א פּאָר מינוט און......

מאָשע האט גאר מורא געהאט צו טראכטען, וואס וועט זיין נאכדעם, וויא דער היידאמאק וועט זיי אָנאָגען.

נעהענטער, נעהנעטער קומט צו דער היידאמאק.

— איך וועל אייך, פארכאטע!

זיי זיינען שוין געוועזן אָט וויט פון דעם טייך. זיי זיינען שוין דריי ווערסט אבגעלאָפען פון שטאָט.

פערפאלען! דער גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב האט זיין געזיכט פון זיי אבגעטהאן און ער וויל זיי זיין הילף ניט שיקען. מירעל האט אויפגעהויבען דיא אויגען צום הימעל און מיט א געשריי „שמע ישראל" האט זיא מיט נייע קרעפטען געלאָזט לויפען צום טייך.

— קום, מאָשע! דאָרטען וועט אונז שוין קיינער ניט שיידען!

און מיט דיא ווערטער איז זיא אריינגעשפרונגען און טייך.

מאָשע האט אראבגעוואָרפען געשווינד דיא סערמינקע און האט א שפרונג געטהאָן נאך איהר.

ביידע זיינען אראָבגעזונקען, נאָר אין א ווילע ארום האבען זיי זיך ביידע בע־וויזען אויפ'ן וואסער, ער האט איהר געהאלטען פעסט ארומגענומען, און זיי האבען זיך ווייטער ארונטער געטונקט, אום באלד צוריק צוואוויזען זיך.

אין דער מינוט האָט דער ווילדער היידאמאק דערגרייכט דעם ברעג.

— איך וועל אייך, פארבאטע!

נור מעהר האט ער זיי שוין ניט געזעהן. פון וואסער זיינען ארויסגעשפרונ־גען בלעזלאך — איינער, א צווייטער, א דריטער — דאס וואסער האט זיך צו־ריס אויסגעגלייכט און האט אָנגענומען צוריק איהר שפּיעגעלדיגע גלאטקייט, אזוי וויא עס וואָלט קיין זאך פאסירט.

19טעס קאפיטעל.

רחל'ס שפרוך.

ביז שפעט אין דער נאכט וואס איז אויסגעפאלען אין דעם פינפטען טאג תמוז אין יאהר תק"כח האבען דיא הײדאמאקעס געבושעוועט. פון שוהל האט זיך קײנער ניט געראטעוועט און דיא דרײ טויזענד אידישע קינדער וואס האבען זיך דארטען געפונען, זײנען אדער פערברענט געווארען אדער דער הרג'עט געווארען. דיא שוהל האט אבגעברענט ביז'ן גרונט.

דאן האט גאנטא געהײסען טרומײטערען און האט ארויסגעלאזט א בעפעהל אז קײנער זאל זיך ניט דערבארעמען אויף א אידען, און ווער עס וועט דעם בעפעהל ניט פאלגען און וועט בעהאלטען בײ זיך א אידען וועט בעצאהלען מיט'ן לעבען.

נאך דער הרינה אין שוהל האבען זיך דיא הײדאמאקען גענומען צום שכור'ען און ביז שפעט אין דער נאכט האבען זיך געהערט זײערע שכור'ע געזאנגען און דיא ארגיעס.

פאר טאג איז שילא מיט נאך עטליכע הײדאמאקעס געקומען אין קאהענס הויז.

— איך האב ניט פערגעסען, וויא גוט איהר זײט געוועהן צו מיר, ווען איך בין אין אומאן ארײנגעקומען אלס א בלינדער בעטלער; איך האב דערפאר הײנט אוועקגעשטעלט א וואך ארום אײער הויז און איך וועל זעהן, אז אײך זאל קײן שלעכטס ניט געשעהן. א טובה פאר א טובה, איך וועל ראטעווען אײער לעבען און דערפאר וועל איך רחל'ן נעהמען פאר א ווײב.

— רחל'ן פאר א ווײב, האט דער אלטער קאהען אויסגעקרעכצעט.

— הכזונה נעשה את אחותני! האט שמשון אויסגעשריען.

רחל האט שוין געקענט שמשונ'ס קול אין האט געוואוסט, אז ער וועט ערמארדען שילא און זײער גאנצע פאמיליע וועט דארפען אויסשטעהן גרויסע פײניגונגען, ווײל דיא באנדיטען וועלען זיך נוקם זײן פאר שילא'ס טוידט אין דאריבער האט זיא געאײלט צו ענטפערן:

— דוא וועסט אונז געבען א טאג צײט צו בעטראכטען זיך. דוא געפעלסט מיר זעהר, נאר איך מוז זיך בערונקען.

— גוט מײן שעהנהײט, האט שילא געענטפערט. איך גיעב דיר א מעת לעת

צייט צו בעדענקען זיך איך האָף, אז דוא וועסט האבען שכל און דוא וועסט פארשטעהן, וואָס הייסט אזא מאן וויא איך.

דער נאָך האט ער זיך געזעגענט מיט א שמייכעל צו שמשון, מאַכענדיג צו איהם א פאַנאָק.

— איך האב געהערט, באנדיט, וואס דוא האסט צומעקירט. דוא האסט אונז געגעבען פיינעם פולווער שמעקען. איך האב ליעב אזעלכע בוואַטעס. ביי אונז וואָלסטו געוואָרען אן אטאמאן.

מיט דיא ווערטער, האט ער רחל'ן א קוש געטהאן אין האנד און ער מיט ויינע היידאמאַקעס זיינען ארויס פון שטוב.

אין דרויסען האט ער נאָך א מאָל אָנגעזאָגט דער וואך, אז זיא זאָל אכ־טונג געבען, אז פון שטוב זאל קיינער ארויס און אז קיינער זאל ניט וואגען זיי אָנצוריהרען, און האט זיי געזאָגט, אז ער וועט באלד שיקען אנדערע יונגען אָב־צובייטען זיי.

— וואס מיינסטו, רחל, מיט דעם בעדענקען זיך? האט דער אלטער קאָהען געפרעגט.

— האב קיין מורא, פאָטער, איך וויים, אז איך בין א אידיישער טאָכטער און וועל קענען וויא א אידישע טאָכטער שטארבען פאר אונזער הייליגער אמונה. נאר לאָז מיר האנדלען, וויא איך פערשטעה און שטער מיר ניט.

לאה איז איהר ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האט לאנגע צייט, איינגראָבענדיג זיך מיט'ן געזיכט אין איהר האלז, געוויינט.

— קענען מיר ניט וויסען, וואס אזוינס דוא האסט בדעה צו טהאָן? האט שמשון געפרעגט. דוא ביזט נאָך יונג און דוא דארפסט נאָך אן עצה.

— און דוא ביזט אלט! האט רחל געענטפערט סארקאסטיש. איך וויים מיין זאך אזוי גוט וויא דוא און דארף קיין עצות ניט.

— דוא קענסט זיינע קיין ווייב ניט ווערען...... האט שמשון ווידער אָנגעהויבען, נאר רחל האט איהם איבערגעשלאָגען.

— איך וויים, האט רחל געזאָגט.

— דוא קענסט זיינע קיין ווייב ניט ווערען און אויב ער שאנעוועט איצט אונזער לעבען צוליעב דיר, וועט ער אבער אונז ניט שאנעוועז ווען דוא וועסט איהם מאָרגען ערקלערען, אז דוא קענסט זיינע קיין ווייב ניט ווערען און דאריבער ......

— מיש זיך ניט, בעט איך דיר, איך וויים, וואס איך דארף טהאָן.

— און איך דענק, האט שמשון ווייטער געזאָגט, אז דוא דארפסט אונז יא זאגען, וואס ביי דיר פּלאָנטעט זיך אין קאָפּ. דאס איז נוגע אונזער אלע־מענס לעבען. איך דענק, אז דיא בעסטע זאך איז אדער ריכטיגער געזאָגט, גע־ווען שילאָן ארונטערצוהאקען דעם קאָפּ און דערנאך וואס גאָט וואלט וועלען וואָלט געווען. אלענפאלס וואלט איך געוואוסט, אז מיר האבען געלאָזט טהייער בעצאה־לען פאר אונזער לעבען.

— איך בעט דיך, נאך א מאל, שמשון, האט רחל געזאָגט, צוגעהענדיג צו איהם און אנידערלייגענדיג איהר האנד אויף זיין אקסעל; מיש זיך ניט אין דעם, קוק און שוויינ. דוא קענסט זיך אויף מיך פערלאָזען?

— אבער דוא ביזט נאך א קינד.

— קענסטו זיך אבער פערלאָזען, אז דיא אמונה פון מיינע עלטערען וועל איך ניט פערבייטען?

— אָה, אין דעם בין איך זיכער!

— אויב אזוי, מיש זיך ניט.

— וואס שטעהסטו אזוי צו איהר צו? האט זיך שרה'קע, וואס איז דיא גאנצע צייט געזעסען שטיל, אריינגעמישט. רחל ווייסט, וואס זיא רעדט.

— דוא ביזט דאך נאך גאר א קינד!

— שמשון! האבען מיר דען עפּעס אנדערע עצות? האט אפרים געזאָגט. מיר וועלען זעהן, און שילאָ אנטלויפט נאך ניט.

זיי זיינען אלע געבליבען זיצען אויף זייערע פלעצער און יעדער האט פאר זיך געטראכט. אלע האבען געהאט וועגען וואס צו טראכטען. לאה האט אין הארצען שוין בעוויינט מאַ'שען, כאָטשע זיא האט ניט געוואוסט, וואס מיט איהם איז געשעהן, נאר איהר הארץ, איהר מוטער־הארץ, האט איהר געזאָגט, אז ער איז שוין טוידט. שמשון האט געטראכט וועגען א נייען פּלאן, וויא אזוי צו פער־לאָזען מיט דיא פאמיליע דיא הויז און ארויס'גנב'ענען זיך פון שטאָדט.

— דיא באנדיטען וועלען ביי נאכט פּאָפּען, האט ער געטראכט מיט זיך, און אפילו דיא וועכטער, וואס שטעהען ארום זייער הויז וועלען אויך איינדרימלען אויף זייערע פּאָסטען. אלענפאלס דיא וועכטער קען מען בייקומען. מען קען דיא הויז פערלאָזען, און אויב אפילו דער טהויער איז פערשלאָסען, וועלען זיי געפינען א וועג דורכ'ן צאם.

ער האט אָבגערופען אפרים'ן אן א זייט און דערצעהלט איהם זיין פּלאן.

— מען קען טהאָן נאָך אַ זאַך, האָט שמשון געזאָגט. דיא וועכטער זיינען געווים דורשטיג און מיר קענען זיי אָנ׳שכר׳ן מיט בראַנפען.

— דער פּלאַן איז זעהר אַ גוטער, האָט אפרים געענטפערט. אונטער דער שטאָדט איז איצט זיכער, דיא היידאמאקעס זיינען אַלע אין שטאָדט. נאָר......

— נאָר וואָס? האָט שמשון געפרעגט פערוואונדערט.

— נאָר ...... נאָר וואָס וועט זיין, אַז מאָשע וועט קומען אין שטוב און וועט סיינעם ניט טרעפען? האָט אפרים געזאָגט. ער וועט שוין בעצאָהלען מיט זיין לעבען פאַר אונזער אַנטלויפען.

— מאָשע? מאָשע? האָט שמשון אַ פּאָר מאָל איבערגעפרעגט. וואָס קען דאָס מיט איהם זיין? וואו האָט ער זיך געקענט הינטהאָן?

שמשון האָט אַ ווײַלע געטראַכט.

— דוא ביזט גערעכט, מיר קענען פון דאַנען ניט אַוועק. מיר מוזען וואַרטען אויף מאָשען. אבער דער פּלאַן איז זעהר אַ גוטער.

און זיי זיינען ווידער געבליבען זיצען שטום.

וועגען שלאָפען האָט קיינער ניט געטראַכט. ווען מען קען דער שלאָף קריכען אין קאָפּ, ווען דאַ אונטער דיא פענצטער קומען פאַר אַזעלכע שרעקליכע גרוילען. אין שטאָדט, אויסער דיא היידאמאקעס, איז קיינער ניט געשלאָפען. גאָנטא האָט האָט ארויסגעשיקט אַ הונדערט קאַזאַקען מיט פערד איבער דער שטאָדט, זיי זאָלען אַכטונג געבען, אַז קיינער זאָל פון שטאָדט ניט אַנטלויפען. יעדער איז געזעסען ביי זיך אין שטוב און געוואַרט אויפ׳ן טוידט.

אין דיא הייזער איז געווען פינסטער, קיינער האָט קיין פייער ניט געוואָלט אָנצינדען, אום אַ ניט געבעטענע אויג זאָל אין שטוב ניט אריינקוקען.

דיא נאַכט איז אריבער אין איינע שרעקען.

דער פּוילישער קלויסטער איז געווען פול געפּאַקט, מיט פּוילישע. דאָרטען האָט מען זיך אויך געגרייט צום טוידט, כאָטשע היינטיגען טאָג זיינען זיי אריבער בשלום.

מיט׳ן פריהמאָרגען האָבען זיך דיא גרוילען אומגעקעהרט.

גלייך אין דער פריה איז גאָנטא מיט זיינע קאַזאַקען און דיא פוס־געהער בעפאַלען דיא בתי מדרשים, האָבען דיא ספר־תורה׳ס ארויסגעשלעפּט און אויסגעשפּרייט זיי אין דיא גאַסען און אַרום געפאָהרען איבער זיי מיט דיא פערד,

דערנאך האבען זיי די א ספרים צוריסען און געמאכט א תל פון אלעס, וואס זיי איז אונטער די א הענד געקומען.

דערנאך האבען זיי זיך געלאָזט געהן צום קלויסטער, דארטען האט זיך גע־פונען דער גובערנאטאָר מיט די א אדעליגע. גאָנטא האט איהם אָנגעטהאָן א שטיין אויפ'ן האלז האט פון איהם די א קליידער אראָבגעריסען און איבערגעלאָזט אין איין העמדיל און ארויסגעפיהרט איהם אין גאס. ער האט איהם אזוי ארום־געפיהרט איבער אלע גאסען, ביז ער איז מיט איהם צוגעקומען צו זיין שלאָס. ער און פיעלע היידאמאקעס זיינען אריין מיט'ן גובערנאטאָר צו איהם אין שלאָס.

— יאס! דערלאנג וויין און צוויי גלעזער! האט גאָנטא געזאָגט.

יאס האט באלד אריינגעבראכט וויין און גלעזער.

— טרינקט, מיין פריץ! האט גאָנטא געזאָגט צום גובערנאטאָר, אנגיסענ־דיג צוויי גלעזער וויין.

— דוא האסט מיר געשוואָרען טרייהייט, האט דער גובערנאטאָר געזאָגט.

— טרינקט, מיין פריץ! איהר זייט שטענדיג געווען גוט צו מיר און איך וויל אייך ווייזען, אז איך קען זיין דאנקבאר, האט גאָנטא געזאָגט. טרינקט, אבער מאכט דאס גיכער. מיין שבועה וועל איך האלטען, איך וועל אייך בלייבען טרייא.

און אויף זיין וואונק האט אן היידאמאק פון הינטען אריינגעשטאָכען דעם גובערנאטאָר א מעסער אין זייט.

— איהר זעהט? האט גאָנטא געזאָגט מיט א שמייכעל, איך האָב אייך ניט געריהרט.

פון גובערנאטאָר זיינען זיי אוועק צוריק אין קלויסטער, און דאָרטען האט זיך אָנגעהויבען די א הריגה.

— טוידט צו די א ליאכעס! טוידט צו די א ליאכעס!

א גאנצען טאָג האט די א הריגה אָנגעהאלטען און ווייטער איז די א לופט פול געוואָרען מיט יללות, קלאָגען, קרעכצען, פון איין זייט און חרומות קללות פון דער צווייטער.

— טוידט צו די א ליאכעס! טוידט צו די א אידען!

די א ווילדע היידאמאקעס זיינען געגאנגען פון הויז צו הויז און געשלעפט יונג און אלט, ווייב און מאן און זיי געפייניגט, געוואָרגען, געשטאָכען געברענט, גע־ריסען, געפליקט, זיי האבען קיינעם ניט געשאָנעוועט, ווייבער האט מען אויסגעטהאָן

180052 K

אין דיא גאסען נאקעטע און מיט זיי זיך בעגאנגען נאך ערגער, וויא אין סדום. פיעלע ווייבער האט מען דיא בייכער אויפגעשניטען, ארויסגענומען דיא גידערים און דערנאך לעבעדיגע קעץ אהין פערנייט. אויפ'ן מיטען מארק האט זיך אן היידאמאק געשטעלט נעבען א יאטקעווע קלאץ מיט א האק אין האנד און האט עטליבע הונדערט מענשען דיא קעפ אראבגעהאקט, דיא גאסען זיינען פול געווארען מיט הרוגים, אזוי, אז מען האט שוין ניט געקענט געהן, און גאנטא האט נעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל ריא טוידטע קערפערס ארויספיהרען אונטער דער שטאדט און ארויסווארפען פאר דיא הינד און חזרים.

געגען אבענד האט גאנטא געהייסען ברייננען איינעם פון דיא אדעליגע, א קאטויישען גייסטליבען, א אידען און א הונד. אויפ'ן פלאץ, וואו דיא תליות זיינען געשטאנען, האט ער געהייסען מען זאל אויפהענגען דעם אדעליגען געגען דעם גלח און דעם אידען געגען דעם הונד, און איבער אלעמען האט ער געלאזט אויפהענגען א גרויסע שילד מיט'ן אויפשריפט: „זיי אלע זיינען גלייך".

וויט, ווייט ארום אומאן האט זיך געהערט דיא חוכא וטלולא, דיא ווילדע שכור'ע געשרייען פון דיא היידאמאקעס און דאס קרעכצען און וויינען, יאמער און קלאג פון דיא געפייניגטע.

אזוי איז אריבערגעגאנגען דער צווייטער טאג פון דער הריגה, דער זעקסטער טאג אין חדש תמוז.

ביי נאכט אנגעטרונקען צו זאט מיט מענשליבע בלוט, איז שילא וויעדערנעקומען צו דיא קאהענס.

— וואס זאגסטו היינט, מיין שעהנהייט? האט ער איהר געפרעגט האסטו זיך שוין בעטראכט? געפעלט דיר שיא פאר א מאן?

— יא, איך האב זיך שוין בעטראכט, האט רחל געענטפערט שטייף.

— און וואס?

— איך וועל פאר דיר חתונה האבען נאר......

— נאר וואס? זאג מיין שעהנהייט, וואס דוא פערלאנגסט, וועט געטהאן ווערען.

— נאר דוא דארפסט מיר שווערען, אז מיין טאטען, מאמען, מיינע ברידער און מיין שוועסטער, וועט קיינער ניט אנריהרען.

— אהה, דוא נארעלע! און אהן א שבועה וואלט איך דערלאזט, אז עמיצער זאל זיי אנריהרען אדער בעליידיגען, האט שילא געענטפערט און געכאפט זיך פאר'ן

שווערד. יענער וועט דעם קאָפּ פערלירען, ווער עס וועט א וואָרט זאָגען גענגען דיינע.

— אבער איך וויל זיין זיכער.

— איך שווער דיר,

— וועסטו דיין שבועה ניט ענדערן? דוא דארפסט אויף מיר קיין פערדרוס נים האבען, איך וועל זיי איצט אָנטהאָן גרויסע קלעמענים, וואס איך וועל דארפען צוליעב דיר אומבייטען מיין אמונה און איך וויל זיי דערפאר בעפריעדיגען און וויל זיין זיכער.

— מיין קאָפּ זאל אויף מיר ניט זיין, אויב א האָר וועט פון זיי געמינערט ווערען.

— און קיינער וועט זיי ניט נויטען צום שמד?

— קיינער ניט.

— איך גלויב דיר, האט רחל געזאָגט און געגעבען איהם איהר האנד, וועל־כע ער האט א קוש געטהאָן.

— איך וועל דיר מאכען פאר א גראפינע, דוא וועסט זיין ביי מיר אזוי וויא פאטאָצקי'ס ווייב איז, איך וועל דיר געבען אוצרות גאָלד און זילבער, איך האב זיי גאנצע זעק, האט ער גערערט צו איהר ליידענשאפטליך, און האט איהר גע־וואָלט ארומנעהמען.

— נאָך א זאך האָב איך דיך צו בעטען, האט רחל געזאָגט, און אויסגע־דרייט זיך פון זיין אומאָרמונג.

— וואס נאָך?

— דוא זאָלסט מיך ניט אָנריהרען, כל זמן איך בין ניט איבערגעגאנגען צו אייער רעליגיאָן.

— פאר וואס? האט שיכּאָ געפרעגט פערוואונדערט.

— דאס איז א סוד זאך.

— קענסטו מיר ניט פערטרויען?

— ניט איצטער.

— ווען?

— מאָרגען.

— גוט, האט שילאָ געזאָגט, מאָרגען פיהר איך דיך אין קלויסטער.

— זעהר גוט, האט רחל געענטפערט. וועסטו דיין שבועה געדענקען?

— וועלכע שבועה?

— אז דוא וועסט קיינעם ניט דערלאָזען אָנצוריהרען אָדער בעליידיגען מיינע עלטערן, ברידער, און שוועסטער.

— מיין נאָמען זאל ניט זיין שילאָ, אויב איך וועל מיין שבועה פערגעסען.

— און ניט ברעכען דיא שבועה.

— שילאָ וועט זיין שבועה ניט ברעכען.

— איצט וועסטו אונז לאָזען אליין? האט רחל נעזאָגט. יאָ? דוא וועסט מיך לאָזען צוגרויטען זיך צו דעם מאָרגעדיגען טאָג.

שילאָ איז אוועק.

— א שעלמע א מיידעל! האט ער צו זיך גערעדט, מיט א גליקליכען שמייכעל ארויסגעהענדיג פון דיא קאָהענס. זיא נעהמט מיך שוין אריין צו זיך אין דיא הענד.

— וואס אזוינס קומט דא פאָר? האט דער אלטער געפרעגט, דיא שרעקען פון דיא לעצטע טעג האבען מיך גאָר ארויסגעפיהרט פון זינען. איך הויב ניט אָן צו בענעהמען, וואס דא טהוט זיך מיט דיר?

— איך האָב אייך שוין געבעטען געבעטען, איהר זאָלט מיך גאר ניט פרעגען האט רחל געענטפערט; פערלאָזט זיך אויף מיך.

דיא שטוביגע האבען איהר שוין מעהר ניט געפרעגט. זיי האבען נאר געקוועטשט מיט דיא פלייצעס און ניט פערשטאנען, וואס האט זיא ברעה צו טהאָן. לאה נאר מיט איהר מוטערס הארץ האט דערפיהלט, אז נאך אן אונגליק וועט זייער הויז טרעפען, און זיא איז ארומגעגאנגען וויא א שאָטען.

היינטיגע נאכט, דאס הייסט דיא צווייטע נאכט פון דער הרינה איז אריבער פונקט אזוי וויא נעכטיגע. ווען שלאָפען האט קיינער ניט געטראכט, נאר ווער עס איז פערמאטערט געווארען פון דעם לאנגען וואכען, האט איינגעדרעמילט, זיצענדיג, אום באלד אויפצוכאפען זיך מיט א צאפעל.

דער דריטער טאָג פון דער הרינה דאס הייסט דער זיבעטער טאָג אין תמוז איז אָנגעקומען. דיא הרינה איז אָנגעגאנגען וויא נעכטען און וויא אייער־נעכטען, און ביז ביי טאָג איז פון אומאנער פוילישע און אידישע איינוואָהנער קיין שריד ופליט ניט געבליבען. דרייסיג טויזענד אידען זיינען געפאלען טוידט אין דיא דריי טעג אונטער דעם חלף פון דיא היידאמאקעס.

נאך האלבען טאָג איז שילא געקומען אין קאָהענס הויז פּארטיג צו נעהמען רחל'ן אין קלויסטער.

— געדענקסטו דיין שבועה? האט רחל געפרעגט.

— דיא שבועה, וואס איך האָב דיר געגעבען, מיין שעהנהייט, וועל איך ניט פערגעסען, האט שילאָ געענטפערט. ביזטו גרייט?

— יא.

— קום!

— נאָר איידער מיר וועלען געהן, קום מיט מיר אריין אין מיין צימער, איך האב דיר א סוד צו פערטרויען.

זיא האט איהם אריינגעפיהרט צו זיך אין צימער.

— איך אָב דיר א גרויסע געהיימניס צו פערטרויען. דאס וועט דיר מאכען פאר דעם גרעסטען מאן אין דער וועלט. מיר האבען בקבלה אזא שפּרוך, אז ווען א מענש וויים איהם, וועט איהם קיין קויל ניט נעהמען.

— ריכטיג? און דוא וויסט דעם שפּרוך? האט שילאָ אויסגעשריען דער פרייט.

— יא, אבער איך מוז דיר איהם אנטפּלעקען, איידער איך געהם אן אייער אמונה, ווייל נאכדעם קען זיין, וועט דער שפּרוך פערלירען זיין קראפט, און דוא קענסט עס פּרובען אויף מיר.

דער אבערגלויבישער און בלוטדורשטיגער היידאמאק האט זיך א ווילע פערקלעהרט. דער שפּרוך קען איהם מאכען פאר דעם גרעסטען מאן, ווער וועט זיין זיין גלייכען ווען קיין קויל וועט איהם ניט נעהמען. נאר טאָמער וועט דער שפּרוך ניט העלפען און ער קען נאך דערוייל דערשיסען זיין קינפטיגע פרוי, דיא שעהנע רחל. נאר זעהענדיג וויא רחל איז פערטיג צו פּרובען אויף זיך דיא קראפט פון דעם שפּרוך, האט ער איינגעוויליגט צו שיסען אויף איהר.

— איך געה אויף א ווילע ארוים מיט איהם, האט רחל געזאָגט צו איהרע עלטערן, און קום באלד אריין צוריק.

זיא איז מיט שילאָ ארויסגעגאנגען אין דרויסען, וואו זיינע חברים האבען שוין געווארט אויף איהם, כדי צו פיהרען זיין כלה אין קלויסטער, שילאָ האט זיי ערקקערט, וועגען וואס דא האנדעלט זיך, דיא היידאמאקעס האבען זיך צוגעקלי־בען צו זעהן אן אונגעוועהנליכע ערשיינונג.

שילאָ איז געשטאַנען נעבען זיין כלה, זיא איז געווען בלייך אבער גאַנץ רוהיג.

ער האט אָנגעלאָדען זיין ביקס און איז אָבגעטראָטען פון רחל׳ן אויף א געוויסען שטח.

— שטעל זיך געהענטער, האט רחל געזאָגט. דוא קענסט דאך א מאל ניט טרעפען.

— האב קיין מורא ניט. מיר האט נאך ניט פאַסירט, אז איך זאָל שיסען אין עפּעס און ניט טרעפען.

— ציקעווע זיך גלייך אין הערצען, האט זיא געזאָגט שטיל.

— גוט.

שילאָ האט אָבגעשטעלט דעם ביקס און א שאָס געטהאָן, וויא א אונטער־געהאַקטער בלום איז רחל אנידערגעפאַלען. דער קויל האט איהר גלייך אויפ׳ן שטעל דער׳הרג׳עט.

20טעם קאַפּיטעל.

גאָנטאַ׳ס קרוין.

ווען דיא הריגה אין אומאַן האט זיך געענדיגט און עס איז שוין ניט געווען וועמען צו הרג׳ענען, און דיא גאָלד, זילבער, חפצים, זיינען צורויבט געוואָרען, זיינען דיא היידאַמאַקעס ארויס פון שטאָדט און האָבען איהר אונטערגעצונדען.

פון דאַנען זיינען זיי אַוועק ווייטער מאָרדען און ראַבּיזווען.

נאָר דאַ האט זיך אריינגעמישט רוסלאַנד און זיא האט ארויסגעשיקט געגען דיא באַנדיטען סאָלדאַטען אונטער דעם פיהרער קרעטשעטניקעוו.

איהם איז געלונגען צו פערנעהמען אין פלען דיא הויפּט אנפיהרער און א גרויסע מאַסע היידאַמאַקעס.

זשעלעזניאַק׳ן האט רוסלאַנד פערשיקט אין סיביר, נאָר גאָנטאַ׳ן מיט נאָך פיער הונדערט קאַזאַקען האט זיא איבערגעגעבען אין דיא הענד פון פוילען.

און פוילען האט זיך מיט דיא באַנדיטען אָבגערעכענט פאַר דיא אַלע זייערע גרויילען. זיא האט זיי שרעקליך געפּייניגט, איידער זיא האט זיי איבערגעגעבען צום טוידט.

פאַר גאָנטאַ׳ן האט מען אויך אויסגעפונען א שטראָף, וואס איז אין א קלע־נערען פאָרמאַט געווען א שפּיגעל פון יענע ענוים און יסורים, וואס ער האט

פערראורזאכט אנדערע. פיערצעהן טעג נאך אנאנד האט מען איהם ניט אויפגע־הערט צו פייניגען, זיין לייב האט מען נעקאמט מיט אייזערנע קאמען און דיא הויט האט מען פון איהם אויף אזא אופן אראבגעשונדען לעבעדיגערהייט, אויסער דעם, האט מען פאר איהם געמאכט א קרוין געגאסען פון אייזען, און דיא קרוין האט מען אנגעברענט ביז רויט און מען האט איהר ארויפגעזעצט איהם אויפ'ן קאפ *)

---

*) ח. ז. גורלאנד מאכט אויפמערקזאם אין זיין ספר „לקורות הגזרות", אז דיא מעשה מיט דער קרוין ווערט פון איינינע בגעליקענט, אבער פיעלע ווילען האבען, א ואס איז ניט קיין אויסגעקלערטע זאך.

ענדע.

R01268 54672

קאטאלאג
אונד פרייז־קוראנט

אויפ׳ן פידעל שלום עליכם	5
אונגליקליכע אמאליע	2.00
אוריאל אקאסטא	.10
איבער געלד און עהרע	.75
אידישע ביהנע 1טע טהייל, טהעאטער קריטיק	.25
אידישע ביהנע 2טע טהייל, טהעאטער יעדער	.40
אידישע געשיכטע פון פ. וויערניק	.75
אידישע קרבנות	.15
אידישער קאנגרעס אין באזעל	.03
אייז־מעער .	.20
אינדיאנער פירסט	.40
אין שטראם פון רעוואלוציאן	.05
אלט־ניילאנד, דר. הערציל	.50
אמעריקאנישע הגדה	.03
אשמדאי	.05
ביטערע נקבה	.25
ביים טהיר פון גן־עדן	.05
בלאנדער יונגער מאנטשיג	.25
בעטלער גרעפין	.40
בערויבטער קבר	.10
ברוך שפינאזא	.20
גאטטהייט	.10
גאלד גרובען פון קאליפארניא	.60
א גאסט פון יענער וועלט	.05
גוטער טייפעל, שמ״ר	.35
גלות מאסקווא	1.50
געבילדעטער מערדער	1.50
געהיימער מארד	.05
געהיימע יודען	.15
געזוכט און געפונען	.60
גערויבטע קינד,	2.00
גערירמטער טרעפער,	.05
געשיכטע פון אמעריקא,	.15
גראספירסט קאנסטאנטין,	1.25
גראף מאנטא קריסטא	.40
גראף עסטערהאזי,	.40

גראף פאטאצקי,	.05
גרעסטער דעטעקטיוו	.10
דאן קיכאט, פון א. הארקאווי,	75
דאקטאר און צויבערער,	.10
דור הולך ודור בא, א. גאלדפאדען	.25
דער משוגענער פילאזאף, א. גאלדפאדען	.25
דריי פארשווינען,	.05
דרייפוס, פון יאהאן פאליי נויארק,	1.50
הגדה פיר בארדער,	.03
הייראטה פון ד. מ. הערמאלין,	.25
הימעל און וואסער.	.45
היפנאטיזמוס,	.03
המן׳ס מפלה,	.03
הערשעלע, דינעזאהן,	.15
וואשינגטאן, (ערשטער פרעזידענט אין אמעריקא)	.10
וויכנא דוואשא פאהרט אין אמעריקא	.02
וויכנא דוואשע פאהרט פון אמעריקא	.05
וויכנא דוואשע דיא שדכנ׳טע	.10
ווילדע מענשען,	.10
אין ווילדען אפריקא	.10
וויעדער אין דער היים, 2טע טהייל פון א רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען	.10
א וועלט אהן טרעהרען,	.03
וועלט באנדיטען,	.45
זילבערנע האכציים	.10
חאדישי סטאווראס,	.10
חכמת היד,	.03
חרם דרבנו גרשם,	.10
טיראן,	1.25
טיראנישע מוטער,	2.00
טערקישער משית,	.05
טרילבי,	.10
יאסעלע, דינעזאהן	.15
יאקום בעטבע,	.03
יודקע שמערקעס פאהרט נאך אמעריקא	.05
יודקע שמערקעס גליקען אין אמעריקא	.10
יונגער שיפסקאפיטאן, 2טער טהייל, פון אין ווילדען אפריקא,	.10

ישוע הנוצרי, ד. מ. הערמאלין, .10
ישוע הנוצרי אָדער יוסף פאנדרי, .10
לא תרצח פון פרענקעל 1טער טהייל, .10
לא תרצח " " 2טער טהייל, .15
לא תרצח " " 3טער טהייל, .15
לא תרצח " " 4טער טהייל, .15
ליטווישער קעניג פון דיא שנאָרערס, .25
ליעבע פון ד. מ. הערמאלין, .10
ליעבע און מיליאָנען, .45
ליעבע און ראַכע, .75
ליעדער אלבום .20
לעצטער בלוט שטורץ, .10
מאדאם באבעטא, .10
מאדאם יצר הרע, .15
מאריא מאגדעלענא .03
מגילת דרייפוס, .03
מזיקים, פון ב. גארין, .10
מחמד, .05
מסתרי פאריז, .60
מעשי בראשית, .15
משוגענער פילאָזאָף, גאָלדפאדען .25
נקמה פון א בר־מנן, .15
נתן דער חכם, .10
סאַפהאָ פון אלפאָנז דאָדע, .15
סטעמפעניו, פון שלום עליכם, .15
סיבירישער אייזענבאהן, .25
עדעלשמאטס געדיכטע, .15
פאוסט פון געהטטע, .10
פאַקקארעלא, .10
פליה מאשין, .10
פלעוונא, .25
פסח מאגאזין 100 וייטען, .10
פעדלער, שמ"ר, .15
פעטער שמואל, יאפפע .10
פערלאָרענע שיף, .50
פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, .25
פרוכט פון זינד, .10
פרייע ליעבע, .15
פרינצעסין צולייקא, .10
פרינץ אלס דעטעקטיוו, .45
פרץ'ס מעשה'לאך, .05

פרץ'ס שריפטען, 1.50
פתרון חלומות, .05
צוואנציג אידישע פאָלקס ליעדער פון אליקום צונזער, .25
צוואנציגסטער יאהר־הונדערט .10
צווייא פאָרלאך, .10
קאָלומבוס, .03
קאמעליענדאמע, פון דיומא, .30
קארמען דעם טייוועלס טאָכטער, .05
קיובא, 1.00
קין'ס צואה, א. טאנענבוים, .15
קליינע מענשעלאך, .10
קלעאָפאטרע, 1.00
קעטען און קראָנען, .50
ראָטהשילדס ביאָגראפיע, .10
ראָמאנען אלבום, .15
רוסישע געהיימניסע, 2.00
ריעזען, .10
א רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען, .10
א רייזע ארום דער וועלט אין 80 טעג, .25
א רייזע אין הימעל, .10
א רייזע צו זיד פאָל, .15
רעגינע, .15
רמבם"ס לעבענס בעשרייבונג, .03
שאילאָק, שעקספיער .15
שווארצע דיאמענטען, .15
שווארצע האנד, .45
שווארצע חברה, .25
שווארצע קונסט, .10
שווינדלער, .10
שטאָדט מסור, .15
שטארקער פון אייזען, .85
שטומער בעטלער, 1.25
שטיינערנער מענש, שמ"ר, .50
שעהנע העלענא, .05
שפאניש־אמעריקאנישער קריעג, .40
א שפאציער אין גיהנום, .03
א שפיצעל פון א פורים שפיעלער, .03
שרעקליכע געהיימנים, שמ"ר, .15
תחית המתים, פון נאָרדוי, .03

גראף טאלסטאי'ס ביכער.

איוואן איליטש'עס טויט, .10
איוואן דער נאר, .03
איך און מיין מאן, .10
אננא קארענינא, .25
טאלסטאי'ס ביאגראפיע, .03
מיין ווידוי, .10
מיין פריינד'ס פרויא, .10
דער נסיון, .10
פאליקושקא, .10
דיא פערפיהרונג, .10
צווייא דורות, .10
קריעג און פריעדען, .50
קרייצער סאנאטא, .10
תחית המתים, .15

עמיל זאלא'ס ביכער.

בלוטיגע תתונת .10
א גלח'ס זינד, .10
דיא דארפס מיידעל, .10
ווייבערשער גן־עדן, .25
זשערמינאל, .40
דער טויט שלעגער, .30
ליעבעס נאכט, .10
לעבען און טויט, .10
מענשליכע בעסטיען, .15
נאנא, .35
נאנטאס אדער דער געקויפטער מאן, .10
פערגיפטעטער קום, .25
פאריזער דאמען, .10
פון חופה צום קבר, .10
פרויען־ליעבע, .10

אבראמאוויטץ'ס ווערקע.

אלטע מעשה, .10
דאס ווינש פינגעריל, .15
דיא טאקסע, .15
יודעל, .15
ישראליק דער משוגענער, .10
פישקע דער קרומער, .15
דער פריזיוו, .15
דיא קליאטשע, .15

קליין מענשלע, .15
רייזע בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען .10
שלמה ר' חיים'ס, .10

גאלדפאדענ'ס טהעאטערשטיקע (פיעסען.)

אחשורוש, .10
באבע מיט'ן אייניקעל, .10
ביידע קוני לעמעל'ס, .10
בר כוכבא, .10
דאקטאר אלמאסאדא, .10
כשוף מאכערין, .10
מליץ יושר אדער ר' יאזעלמאן, .10
קבצנזאהן און הונגערמאן, .10
שולמית, .10

שייקעוויטש'ס טהעאטערשטיקע,

דיא קאקעטע דאמען, .10
דיא שפאנישע אינקוויזיציאן, .10

וויטצען ביכער.

אמעריקאנישער וויטצלינג, .05
אנעקדאטען בוך, .05
הערשעלע אסטראפאליער, .10
וויטצען אלבום, .15
וויטצען פון קארט, .03
חייקיל דער ליץ, .05
מאטקע חב"ד, .05
שייקע פייפער, .05

מעטהאדעס צו לערנען ענגליש,

אלענדארף'ס מעטהאדע מיט'ן שליסעל, 1.25
אמעריקאנישער לעהרער, בראשירט אין טאשען פא־מאט, .20
אמעריקאנישער לעהרער, געבונדען אין טאשען פארמאט, .25
דייטש פיר אנפאנגער, .05
יודיש־אמעריקאנישע שוהלע, געבונדען, .25
ענגלישער אלף־בית .05
נייעסטע ענגלישע מעטהאדע בראשירט .25
נייעסטע ענגלישע מעטהאדע, געבונדען, .35
ענגלישער לעהר־בוך, .15
ענגלישער לעהרער, בראשירט, .30

הארקאַווים ענגלישער לעהרער, געבונדען, .40
ענגליש רוסיש מעטהאָדע, געבונדען, .35
נוראק'ס ענגליש־רוסיש מעטהאָדע, .65
קראַנץ'ס מעטהאָדע, .75
תורת לשון אַנגלי, א ענגליש־העברעאישע מעטהאָדע, .25

בריעפענשטעלער.

הארקאַווים ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער און ספעלער, .30
האַרקאַווי'ס בריעפענשטעלער געבונדען, .40
וואַרן'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, .75
פריינקעל'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, .25
הארקאַווי'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, פאָלשטענדיג, 1.00

ווערטער ביכער.

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס טאַשען ווערטער־בוך, קלאָט באַנד, .65
דיטאָ לעדער באַנד, .90
ענגליש־יודישעס האַנד ווערטער־בוך געבונדען, 1.00
פאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך, געבונדען, 2.25

מעטהאדעס.

דער סיטיזען נאַכ'ן נייעם געזעץ, .05
אַריטהמעטיק, אָדער רעכען לעהרער, .10
בוכהאַלטונג און געשעפטס־פיהרונג, .25
דאָקטאָר בוך, פון דר. לאַנדעס, .25
דער לאָייער, לאַנדעס געזעצע, 10

קאָך בוך וויא צו קאָכען און באַקען, .25
קאַנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען, און דער סיטיזען נאכ'ן נייען געזעץ פון א. הארקאַווי, .10
דער עמיגראַנט דיא געזעצע פון איינוואַנדערונג, .10
קאשינגס האַנד בוך, מיטינגס געזעצע, .25
קאשינגס האַנד בוך געבונדען, .30
שוואַנגערשאַפט און קינדער ערציהונג, .15

מעטהאדעס פיר קינדער צו לערנען פון אנפאנג אלף־בית.

אַלף־בית באותיות גדולות מאד, .03
וואַנט אַלף־בית, פיר חדרים אויף לייַנוואַנד, סייז 44x28 .50
המכין מיט אידישער און ענגלישער איבערזעצונג .15
בית הספר, מיט אידישער און ענגלישער איבערזעצונג, שניידער .35
דברי הימים לעם בני ישראל, געבונדען, 15
שלחן ערוך לבני הנעורים, .15
ההתחלה, הלל מאַלאַכאָווסקי .10
המתחיל מיט 150 בילדער, געבונדען, .15
הפדגוג העברי מיט ענגלישע איבערזעצונג, געבונדען, .15
למדו היטב פון מ. פיק, .05
למודי הקריאה מיט ענגלישע איבערזעצ. .10
מורה לשון עבר, הלל מאַלאַכאָווסקי .25
ראשית דעת שפת עבר, קרינסקי .15
שפה חיה מיט 200 בילדער, געבונדען, .15
שפה חיה חלק שני, .25
תולדות ישרון מיט ענגלישע איבערזעצונג, געבונדען, .15

דיעזע אַללע ביכער, בראָשורען, מעטהאָדעס און ווערטער ביכער זיינען פאָלשטענדיג גאַראַנטירט אַז עס פעהלט ניט איין בלאַט, דיא פרייזען זיינען נור פיר יחידים (איינצעלנע קויפערס) בוכענדלער בעקומען א גרויסען ראַבאַט (דיסקאונט).

דיא אַללע ראָמאַנען און העפטען זיינען ניט געבונדען, ווען יעמאַנד וויל זיי האָבען געבונדען בערעכנען מיר 5 סענט פיר יעדען בונד פון 10 העפטען און 6 סענט פיר יעדען בונד פון 15 העפטען.

צו בעקומען בייא אַללע בוכהענדלער וויא אויך בייא

HEBREW PUBLISHING CO., 83-85 Canal St New York.